# דער יוד

DER JUDE

## צייטשריפט פיר אלע יודישע אינטערעסען

ערשיינט יעדע וואָך — פערלאג: חברת „אחיאסף".

קראקוי, תמוז תרס״ב. — פיערטער יאהרגאנג. — Krakau, 31 Juli 1902.

נומער 31


### איינהאלט:


א) די פּאָליטיק אין ציוניזם. — י. ל.
ב) דר. הערצל אין דער ענגלישער קאָמיסיאָן.
ג) פּאָליטישע איבערזיכט. — י. ל.
ד) מרדכי בן מתתיהו אנטאקאלסקי. — בעל-מחשבות.
ה) יודישע שטעדט און שטעדטליך. — די ביהן.
ו) די יודישע וועלט.
ז) דער לעצטער וואונש. (סקיצע). — א. מ. גאָנצאָר.
ח) א פּאָר פּאָלק (פּעלעטאָן). — יכנה״ז.



צוזאַמען מיט דער פאָריגער נומער איז ארויס

די ערשטע נומער פון „ד ע ר י ו ד"

## צווייטע בילליגע אויסגאבע

וועלכע ענטהאַלט פאָלגענדעס:

לייטאַרטיקעל: העלפט אייך אליין! ישראלי. — פּאָליטישע ידיעות (די קראַנקהייט פון ענגלישען קעניג. פאנאמא-קאנאל. צוויי יאָהר מיליטער-דינסט. די שנאה צווישען פּאָליאַקען און דייטשען. סאליסבורי. אגווינאלדא בעפרייט). — קאָרעספּאָנדענציעס (קרילאוו. קאלאָניע וואלילא-וואלד. קאמעניץ ליטאווסק. נאווא-ראדאָמסק. ווילנא. נאראָווליא). — היגיענע (ווען זאָל מען אנטוועהנען א וויג-קינד?). ד״ר י. מאירזאָהן. — דער לעצטער וואונש (סקיצע). א. מ. גאָנצאָר. — די יודישע וועלט (געזעצען און משפטים. יודישע קהלות. בילדונג. געשעפטען און מלאכות. עמיגראַציע. סטאַטיסטיק. שרפות). — הויז-ווירטשאַפט. — איבער דער גרויסער וועלט. — א פּאָר פּאָלק (פעלעטאָן). יכנה״ז.

דער פּרייז פון „דעם יוד צווייטע אויסגאַבע"

✲ ✲ ✲ 2 רובעל א יאהר. ✲ ✲ ✲

דער אבאָנענט פון דעם „יוד" צווייטע בילליגע אויסגאבע, האט אויך דאָס רעכט, אזוי ווי דער אבאָנענט פון דער גרויסער אויסגאַבע, צו אַבאָנירען דעם מאָנאַטליכען זשורנאל „די יודישע פאמיליע" פיר **1 רובעל א יאהר** (מיט פּארטא 1.50).

דער פּרייז פון דעם „יוד" צווייטע בילליגע אויסגאבע אויף א האלב יאהר פון 1 יולי אז ביז ענדע יאהר איז נישט מעהר ווי 1 רובעל. (מיט דעם זשורנאל „די יודישע פאַמיליע" פון אנפאנג יאָהר אן 2.50 ר')

!! פּראָספּעקטען ווערען אויף פערלאַנג געשיקט אומזיסט !!

פּראָבע-נומערן זענען צו בעקומען צו זעהען ביי אלע אונזערע אגענטען אין יעדער שטאָדט און אין פיעלע יודישע בוכהאנדלונגען.

אין אמעריקא איז צו אבאָנירען דעם „יוד" אין „די יודישע פאמיליע" אויך אללע אויסגאבען אחיאסף'ס
ביי: S. Kantorowitz New-Jork 4 Rutgerstr. 4

---

שנה חמישית **„השלח"** 1902

מכתב עתי חדשי למדע, לספרות ולעניני החיים.

המו"ל: **חברת „אחיאסף".** העורך: **אשר גינצברג.**

יצאה לאור ונשלחה לכל החותמים החוברת הששית (Juni)

וזה תוכן עניניה:

א) שאלות ארץ ישראל (ב. הישוב ואפטרופסיו. סוף). אחד העם.
ב) חכמת בן סירא (סוף). דוד כהנא.
ג) המגבעת (ציור). ניסן טורב.
ד) עשרת השבטים (המשך). שמעון מנחם לזר.
ה) ר' אייזיק גחך (ציור). א. מ י י ־ דאניק.
ו) פרצופים (שיר). אליהו הלוי
ז) מן המערב. (שיחות ספרותיות ט.) ד"ר ש. ב.
ח) מכתבים מרוסיה (ח). אבא.
ט) השקפה כללית (IV) ד"ר ש. הלוי.
י) מקוצר רוח (מרשימות שריה הסופר). א. ז. ראבינאוויטש.
יא) ענינים שונים (על דבר בקרת כתבי הקדש. מאיר איש שלום — הרעב וההשתלמות. א. ז. ראבינאוויטש. — הוספות ותקונים לבן סירא. דוד כהנא. — למבקרי. ישראל הומברג).
יב) ידיעות ספרותיות.

תנאי החתימה ברוסיא: לשנה — 6 רו"כ, לחצי שנה — 3 רו"כ. לרבע שנה לא תתקבל החתימה כלל.

כתובת המו"ל:

**Издательство „АХIАСАФЪ", Варшава.**
**Verlag „Achiasaf", Warschau.**

חותמי ארצות המערב יואילו לפנות ע"פ הכתבת:

Administration „Der Jude" Krakau, Gertrudag. 16.

המחיר לשנה: 16 קראנען, 13 מארק, 17 פראנק. בארץ ישראל — 15 פראנק. לחצי שנה: הצי המחיר הנ"ל.

עם החוברת הזאת נשלם כרך ט' והחותמים להצי שנה יואילו נא לחדש חתימתם לכרך העשירי (יולי־דיצימבר)

---

# סדר אליהו רבא וסדר אליהו זוטא

הנודעים בשם

## תנא דבי אליהו

עפ"י כת"י רומי משנת תתל"ג

עם הוספת מאיר עין

ומבוא כולל י"ב מאמרים ומפתחות שונים

מאת

**מאיר איש־שלום (פריעדמאן)**

מורה בבית מדרש הרבנים בווינא.

מחירו 2,50 ר', עם פאכטא 2,80 ר'; 6 קראנען וע"פ 7 קר.
נדפס בתכלית היופי ומצורף לו פאקסימילע של עלי הכת"י.

המוכר היחידי אצל:

**חברת „אחיאסף" בווארשא.**

Издательство »Axiacафъ«, Варшава.
562 Verlag „Achiasaf", Warschau.

---

# „די יודישע פאמיליע"

**א מאנאטליכער זשורנאל פיר ליטעראטור און וויסענשאפט.**

פערלאג: חברת „אחיאסף"

עס איז ארויס פון דרוק און ווערט צושיקט מיט דיזער נומר דאס **זיבענטע העפט**, (1־טעס העפט פון 2־טען באנד)

דער אינהאלט איז פאלגענדער:

א) יהודה בן הלוי (געדיכט, הייגריך היינע) איבערזעצט י. ל. ברוכאוויטש.
ב) א טעות (ערצעהלונג) יהודה שטיינבערג.
ג) דאס כפרה־היהנדיל (ערצעהלונג, פארטזעצונג.) האל קען.
ד) ר' יהודה הלוי (ביאגראפיע). ש. צ. זעצער.
ה) די זשארגאנישע ליטעראטור און איהרע בעסטער שרייבער גר צדק.
ו) קריטיק. בת־קול.
ז) די אבשוואכונג פון מענשליכען געשלעכט. מ. נ. סירקין.
ח) טהיגאטעער (סקיצע, מולטאטולי) איבערזעצט י. ל. פרץ.
ט) ראש חודש. י. ל. צופעליג.
י) פאר און געגען די פרוי (אפאריזמען) ד. פרישמאן.



**דער פרייז פון דעם זשורנאל פיר די אבאנענטען פון „יוד": יעהרליך נור 1 רובל (מיט פארטא 1.50 רובל).**



אדרעססע:

Administration „Die Jüdische Familie" Krakau, Gertrudy 16.

פיר רסלאנד: **Издательство „Axiacaфъ", Варшава.**

---

# כל ספרי א"ש פריעדבערג

מכורכים הדר באחד עשר כרכים.

מחיר כל ספר וספר לבדו מכורך:

| | |
|---|---|
| א) זכרונות לבית דוד (ארבעה חלקים) | 7 27 |
| ב) התורה והחיים בימי הבינים (שלשה חלקים) | 4 80 |
| ג) קורות היהודים בספרד (שני חלקים) | 1 21 |
| ד) ספר הזכרונות (שני חלקים) . | 1 30 |
| ה) עמק הארזים (שני חלקים) | 1 30 |
| ו) עיר ובהלות | — 80 |
| ס"ה | 16 68 |

הקונה כל הספרים האלה ביחד יקבלם במחיר 12 רובל (עם פארטא 13 רובל).

---

יצא לאור מחדש:

## שפה לנאמנים

ספר למוד ללמד שפת עבר על טהרת הקדש

מאת **א. ש. פריעדבערג**

מחירו 70 קאפ. עם פארטא 80 קאפ.

המוכר היחידי של הספרים הנ"ל בכתי מסחר הספרים של חברת „אחיאסף" 1) טווארדא 6, 2) נאלעווקי באזאר איוואנאוו.

הכתבת: Издательство „Axiacaфъ", Варшава
Verlag „Achiasaf", Warschau.

הערה: במודעה שנדפסה בגליון 18 נפלו טעיות הן במספר הכרכים והן במחיר הכולל וע"כ נבקש לשום לב רק אל המודעה הזו!

---



**גענגען מערידען און פוקלעס!**
אפאראט וועלכער היילט גרינדליך
אהנע אפעראציע פרייז 2 ר' 50 קאפ.





**Д. МОШКОВСКIЙ**, Варщава, Мурановъ 16
съ I-го Iюля **Налевки 37**. 503

IV. Jahrgang. **DER JUDE.** Nr. 31

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ יאהרליך —.5 רובל.
האלב יאהרליך —.3 „
פיערטעל יאהרליך 1.50 „
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רובל
דען 1טען אפריל — 2 „
דע 1טען אויגוסט — 1 „
איינצעלנע נומערן 15 קאפ.— 30 העללער.
ענדערן די אדרעס קאסט 20 קאפ
די אדרעסע פיר רוסלאנד:
Издательство „Ахіасафъ“, Варшава.

# דער יוד

צייטשריפט
פיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואך.
פערלאג: חברת „אחיאסף“.

אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:
אסטרייך-אונגארן —.12 קראנען
האלביאהריג —.6 „
פירטעליאהריג —.3 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא. ענגלאנד —.10 שילינג
פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפעניג, 10 קאפ.
די אדרעסע פיר עסטר.-אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration Der Jude, Krakau, Gertrudy 16.

Krakau, 31 Juli 1902. נומר 31 קראקוי, תמוז תרס״ב.

## צו אונזערע געעהרטע אבאנענטען!

מיר ערלויבען אונז צו דערמאהנען אונזערע געעהרטע אבאנענטען וועלכע האבען איינגעצאהלט נאר די ערשטע 2 ראטען — 4 רובל, אז

### מיט דער פאריגער נומר 30

האט זיך געענדיגט זייער אבאנעמענט, און מיר בעטען גלייך ארייצושיקען

### די דריטע ראטע — 1 רובל

כדי מיר זאלען קענען, אהן אויפהאלט, ווייטער שיקען די בלעטער כסדר.

אויך די וועלכע זענען אבאנירט אויף „דעם יוד“ צוזאמען מיט דעם זשורנאל „די יודישע פאמיליע“ און האבען נאך פיר דעם זשורנאל נישט איינגעצאהלט די גאנצע 1,50 ר׳, מיט פארטא, בעטען מיר גלייך צוצושיקען דאס איבריגע; מיט דעם זעכסטען העפט האט זיך געענדיגט זייער אבאנאמענט.

דען 1-טען יולי, מיט דער נומר 26, האט זיך געענדיגט דאס אבאנעמענט פיר די אבאנענטען וועלכע האבען אויסגעשריעבען דעם „יוד“ פון 1 יאנואר אויף א האלב יאהר און אויך פיר די וועלכע האבען איינגעצאהלט די ערשטע ראטע — 2 רובל פאר דער צייט פון 1 אפריל ביז ענדע יאהר און מיר בעטען באלד ארייצושיקען דעם רעשט געלד.

אונזערע פאראיאהריגע אבאנענטען אויף דער

### „וועלטגעשיכטע“

זענען מיר מודיע אז

### דער דריטער און פיערטער באנד

זענען שוין פערטיג פון דרוק, און אין קורצען וועלען מיר זיי פונאנדערשיקען אלע אבאנענטען

און מיר בעטען די יעניגע וועלכע האבען אריינגעשיקט אויף דער „וועלטגעשיכטע“ נור 1 רובעל, פיר וועלכע זיי האבען געקריגען די ערשטע 2 בענדער, זיי זאלען גיטינסט צושיקען דאס איבריגע פיר פארטא, 50 ק״פ.

די אדמיניסטראציאן „דער יוד“.

## די פאליטיק אין ציוניזם.

די יודישע פראגע איז א צרה, נאר ניט פאר יודען אליין. זי ריהרט אויך אן, — האטש פיעל וועניגער ווי אונז, — אונזערע שכנים, צווישען וועלכע מיר וואהנען. די שטענדיגע סכסוכים צווישען די יודען און קריסטען, די פאגראמען, דער אנטיסעמיטיזם, די העצער, — דאס זענען אלין זאכען, מיט וועלכע קיין רעגירונג קען ניט זיין צופרידען. דער אנטיסעמיטיזם. זענען מודה די קריסטען אליין, פערגרעבט און פערווילדערט די היימישע בעפעלקערונג. די יודענפראגע איז ניט נור א יודישע פראגע, זי איז א וועלטפראגע. דאס איז געווען איינער פון די וויכטיגע געדאנקען, וועלכע עס האט ארויסגעשטעלט דער פאליטישער ציוניזם.

די אייראפעאישע מלוכות קענען ניט קוקען גאנץ גלייכגילטיג דערויף, ווי די יודען פאלען נידריגער און ווערען וואס ווייטער אלין פעראָרימטער. זיי קענען ניט זיין גלייכגילטיג צו דער פראגע, אויב די יודען פאהרען ארוים פון זייער לאנד אדער אויב זיי פאהרען צו זיי אין גרויסע מאסען אריין. די יודישע פראגע פערנעמט דערום אויך די מוחות פון די קריסטליכע פעלקער, און אויך פאר זיי איז זעהר וויכטיג צו געפינען א ריכטיגע תשובה אויף די דאזיגע פראגע, איין אויסוועג פון דער שווערער לאגע.

ארויסגעהענדיג פון דעם דאזיגען געדאנק, וויל דער פאליטישער ציוניזם פעראינטערעסירען מיט דער יודישער פראגע אויך די פאליטישע וועלט.

מיר פון אונזער זייט האבען געפונען א מיטעל ווי געהאלפען צו ווערען, ווי צו מאכען איין מאל פאר אלע מאל א סוף פון אונזער ביטערער לאגע. מיר זעהען אונזער אומגליק נור אין דעם, וואס מיר זענען אומעטום פרעמד, וואס מיר האבען ניט קיין אייגען שטיקיל ערד, וואו מיר זאלען קענען זיין די בעלי־בתים איבער זיך אליין. דערום זעהען מיר אונזער הילף אין דער ארבייט צו שאפען א לאנד פאר דאס יודישע פאלק. מיר גלויבען, אז נור ארץ־ישראל קען זיין דאס דאזיגע לאנד, וואו די יודען וועלען קענען געפינען א׳נ׳ארט פאר זיך און וואו זיי וועלען קענען פיהרען איין אייגענעס, געזונדעס לעבען פון א פאלק.

דער ציוניזם סטארעט זיך קלאר צו מאכען די יודען, אין וואס בעשטעהט דאס אומגליק פון זייער פאלק און אין וואס בעשטעהט אונזער הילף. דער ציוניזם סטארעט זיך אויפצוּוועקען ביי יעדען יודען די אבגעשוואכטע נאציאָנאלע געפיהלען און מאכען פון יעדען יודען א מענשען, וועלכער זאל זיין אבגעגעבען זיין פאלק און וועלכער זאל גרייט זיין אבצונעבען פאר דעם ציוניזם זיין פערמעגען און זיין לעבען. וועט נור ביי אונז אלעמען אויפגעוועקט ווערען דער רצון צו לעבען ווי א פאלק, וועט פאר אונז קיין זאך ניט שווער זיין צו דערגרייכען אונזער ציעל. וואס עס קענען ניט אויספיהרען איינצעלנע מענשען אדער איינציגע חברות, דאס וועט קענען אויספיהרען א גאנצעס פאלק.

אבער די דורכפיהרונג פון דעם ציוניסטישען אידעאל געהט ווייטער אריבער פון דער יודישער וועלט אין די גרויסע פאליטישע וועלט. די מלוכות פון אייראפא קענען ניט בלייבען פון דערווייטענס און צוזעהן, ווי די יודען הויבען אן צו פאהרען קיין ארץ־ישראל. ווי עס שטעהט אויף א נייע נאציאָנאלע קראפט אין דעם אלטען מזרח. דער ציוניזם איז דערום ניט נור א יודישע פראגע, נאר א וויכטיגע פאליטישע וועלטפראגע.

געוויס הייננט אב די דורכפיהרונג פון ציוניזם דערהויפט פון אונז אליין, פון אונזער אייגענער ארבייט. אבער די פעראינטערעסירטע מלוכות קענען אונזער ארבייט פערגרינגערן אדער שווערער מאכען. דער פאליטישער ציוניזם ארבייט דערום אויף ביידע זייטען. פון איין זייט וועקט ער די קרעפטען פון יודישען פאלק און פון דער אנדער זייט בעמיהט ער זיך צו געווינען פאר אונזער זאך טערקיי און אייראפא.

צו דעם בעווייז, וועלכען עס שטעלט ארויס דער ציוניזם, אז די יודישע פראגע איז א וועלטפראגע, דערלעגט ער אויך, אז די ציוניסטישע תשובה איז די איינציגע ישועה פאר יודען און א גליק פאר דער וועלט, אנשטאט אומגליקליכע און דערשלאגענע מענשען, וועלכע לעגען זיך ווי א שווערע משא אויף די פלייצעס פון אייראפא. וועט דער ציוניזם מאכען פון די יודען א פאלק, וואס וועט צוזאמענבינדען אייראפא מיט אזיען, א פאלק, וואס וועט אויפבויען א קולטור אין א ווילדען לאנד. טערקיי וואס צעהרט אב פון טאג צו טאג, וועט קריגען דורך די יודישע בעפעלקערונג פרישע קרעפטען, און אזוי וועלען די יודען אין ארץ־ישראל אויפהויבען טערקיי און ניצליך זיין דער גאנצער וועלט.

דאס זענען די טעמים, מיט וועלכע דער פאליטישער ציוניזם קלאפט אן אין די הויכע פענסטער. און מיר זעהען, אז די דאזיגע טעמים ווערען אומעטום אויסגעהערט. אז מיט זיי רעכענט מען זיך אין דער פאליטישער וועלט, און אז מען הויבט אן פריינדליך צו קוקען אויף דעם ציוניזם אויך אין די העכסטע ערטער.

דער פאליטישער ציוניזם ווענדעט זיך צו טערקיי און אייראפא. ער זוכט צו געפינען פריינד אין דער אייראפעאישער פרעסע און אין דער אייראפעאישער געזעלשאפט. ער זוכט פריינד צווישען די פאליטיקער, מיניסטארען, מלכים און פארלאמענטען.

די דאזיגע ארבייט אונזערע געהט ניט אוועק אומזיסט. דער גראסהערצאג פון באדען, דער קייזער פון דייטשלאנד און דער סולטאן פון טערקיי האבען פריינדליך אויפגענומען ביי זיך אונזער ציוניסטישען פיהרער און אויסגעהערט דעם פערלאנג פון דער ציוניסטישער פארטיי.

איצט מיט דער איינלאדונג, וואס דר. הערצל האט געקראגען צו דער קאמיסיע פון ענגלישען פארלאמענט, וועלכע איז אויסגעקליבען געווארען צו ערפארשען די פראגע וועגען עמיגראציע, האט דער פאליטישער ציוניזם געמאכט נאך א גרויסען שריט פארויס. דערמיט ווערט דער ציוניזם צום ערשטען מאל אריינגעטראגען אין די ויכוחים פון א פארלאמענט. און דאס אינטערעס פון א פארלאמענט צו אונזער זאך, בפרט נאך פון ענגלישען. איז פאר אונז א סך וויכטיגער. ווי דאס אינטערעס פון א איינצעלנעם מענשען, ווען ער טראגט אפילו אויף זיך די קרוין פון א גרויסער מלוכה.

---

# פעלעטאָן.

## א פאר פאלק.

1.

חיים בעריל דער שוסטער איז געבליבען איינער אליין, עלענד ווי א שטיין. די קינדער זענען געשטארבען און צווייט, דריי זענען אין אמעריקא, איינער ערגיץ אין אפריקא, און יענע וואך איז געשטארבען זיין אלטע חנה־פיינל.

זאל קיין יונגערע ניט שטארבען, זעכס און זעכציג יאהר איז זי אלט געוועזן, נאר פון דעסטוועגען האט זי נאך געקאנט לעבען און לעבען.

חיים בעריל האט געוויינט ווי א קליין קינד, טרעהרען האבען געקאפעט ווי באב, ער האט פערשפרייט די הענד און געשריען: א, געוואלד, וואס וועל איך איצט טהון? וואו טהוט מען זיך איצט אהין?

לייט האבען איהם געטרייסט: „געוואלד, ר' חיים בעריל, גענוג, הערט אויף, גאט האט אזוי געוואלט, זאלען קיין יונגערע ניט שטארבען". נאר חיים בעריל הערט ניט אויף, ער ברעכט די הענד און וויינט, אט אזוי האט ער געוויינט ביז דער לויה, און דעם גאנצען וועג פון דער לויה, און אויפ'ן בית־עולם נאך מעהר.

צוריק אהיים האט ער ניט געקאנט געהן, ער האט גע'חלש'ט, לייט האבען איהם געזאגט: „ר' חיים בעריל, נעמט א איזוואשציק!" האט געזאגט חיים בעריל: „יא, נאך אזא חתונה נאך פאהרען אויף איזוואשציקעס?" און האט זיך פערשלעפט אהיים ווי עס איז.

געקומען אהיים און האט אנגעהויבען וויינען גאר אויף דאס נייע, דערמאנט זיך אן זיין חנה־פייגלען גאר פון אמאל, דערמאנט זיך די תנאים און דעם יום־החופה, און די גאנצע עטליכע און פערציג יאהר, וואס זיי האבען צוזאמען געלעבט. אך! וואס פאר א לעבען ביי זיי איז געוועזן, ווי זי האט איהם ליעב געהאט, און ווי ער איהר.

אמת, ס'זענען געוועזן צייטען, וואס זיי האבען זיך אמאל צוקריגט אויך. אבער דאס האט אלץ געמאכט די ארימקייט, ער איז ניט געוועזן א גרויסער בעל־מפרנס, א שוסטער. א לאפאטניק; דאס גאנצע לעבען איז זי כמעט אבגעקומען פאר איהם, געהארעוועט ווי א נ'אקס אין סאכע, ניט נעהאלטען א פרעמדען מענשען אין שטוב אפילו איין טאג, אליין אויסגעהאָדעוועט די קינדער, געטראגען און געזויגען צוזאמען, און געהארעוועט צו דעם ווי א אייזיל אין שטוב אויך, און וואס האט זי געהאט הנאה נעביך פון איהר לעבען פאר איהם? צי איז זי ארויס אפילו איין מאל שפאצירען ווּמר שבת? זי האט אפילו ניט געהאט אין וואס ארויסצוגעהן, און זי האט אלץ צוגענומען פאר גוט, ניט מקנא געווען לייטען. אך! וואס פאר א צנועה זי איז געוועזן. גיהנום וועט זי געוויס ניט ליידען, פאר וואס נעביך גיהנום, כשרה נשמה'לע? זי איז דא אבגעקומען גיהנום און חבוט־הקבר — אזוי האט זיך חיים בעריל גערעדט פאר זיך און געוויינט.

ער האט איהר נעבעטען מחילה, וואס זיי האבען זיך אמאל געקריגט, איין מאל געבעטען באלד ווי זי איז אויסגעגאנגען, דאס צווייטע מאל בעת זי איז געלעגען אויף דער ערד, און דאס דריטע מאל בעת מען האט איהר אריינגעלעגט אין קבר. און ער קלערט געהן נאך אמאל אויף איהר קבר נאך שבעה בעטען מחילה און אויסקלאגען פאר איהר זיין ביטער

עס פֿערשטעהט זיך, אז ביז צו דער צייט, ווען די אייראָפּעאישע וועלט וועט נעהמען באמת העלפֿען און שטיצען דעם ציוניזם, איז נאָך זעהר ווייט. דערווייל אָבער איז זעהר וויכטיג, וואָס דער ציוניזם ווערט גוט אויפֿגענומען און וואָס זיינע טעמים ווערען אומעטום פֿריינדליך אויסגעהערט. דער פּאָליטישער ציוניזם האָט שוין א וויכטיגען נצחון אָבגעהאַלטען, דאָס די גאַנצע וועלט ווייס שוין פֿון איהם, וואָס מען לעגט כבוד אויף איהם, און דאָס מען איז לכל הפּחות אין ערגיץ ניט נעגען איהם.

די ערנסטקייט, מיט וועלכער די ענגלישע קאָמיסיע האָט אויסגעהערט דר. הערצלס ענטפֿערן וועגען ציוניזם, וועט איצט אַרויפֿלעגען א נייעם כבוד אויף דעם ציוניזם און איהם נאָך מעהר פֿערשטאַרקען.

דערווייל אָבער איז פֿאַר אונז וויכטיגער פֿאַר אַלץ די ווירקונג, וואָס דר. הערצלס איינלאַדונג צו דער קאָמיסיע וועט האָבען אויף די יודישע וועלט. ווען די יודען וועלען זעהן, ווי אמת׳ע פּאָליטיקער אינטערעסירען זיך מיט דעם ציוניזם, וועלען זיי ניט קענען מעהר אָוועקמאַכען דעם ציוניזם מיט׳ן האַנד. ווי דאָס טהוען אַזוי אָפּט אונזערע גאַנצע און האַלבע אַסימילאַנטען, אונזערע גרויסע און רייכע יודען, וואָס האַלטען זיך פֿאַר די חכמים און מבינים. זיי וועלען מוזען זיך מעהר אינטערעסירען מיט׳ן ציוניזם, כדי זיי זאָלען ניט זיין צו שאַנד און שפּאָט פֿון זייערע קריסטליכע שכנים. זיי וועלען מוזען ווערען ציוניסטען, ווייל דער נצחון פֿון ציוניזם וועט ענדליך אויך אין זיי וועקען מעהר יודישעס לעבען און מעהר גלויבען אין דאָס יודישע פֿאָלק.

י. ל.

## דר. הערצל אין דער ענגלישער קאָמיסיאָן.

נאָך דער ערקלערונג, וועלכע דר. הערצל האָט אָבגעגעבען אין דער קאָמיסיע פֿון פּאַרלאַמענט און וועלכע מיר האָבען איבערגעגעבען אין דער פֿאָריגער נומער, האָבען איהם די מיטגליעדער פֿון דער קאָמיסיע אויסגעפֿרעגט איבער פֿערשידענע פֿראַגען. מיט איינינע פֿון די דאָזיגע פֿראַגען און אַנטוואָרטען וועלען מיר איצט בעקאַנען אונזערע לעזער.

### די פֿראַגען פֿון מיסטער נאָרמאַן.

נאָרמאַן. אייך איז בעקאַנט, אַז אונזער קאָמיסיע פֿערנעמט זיך מיט דער פֿראַגע וועגען עמיגראַנטען בכלל און ניט דוקא מיט יודישע עמיגראַנטען ?

הערצל. יאָ. אָבער לייענענדיג די חקירות פֿון דער קאָמיסיע, האָב איך אַרויסגעזעהן, אַז די קאָמיסיע פֿערנעמט זיך דערהויפּט מיט דער יודישער עמיגראַציע. פֿון אַנדערע עמיגראַנטען איז אין דער קאָמיסיע גאַנץ ווענינ גערעדט געוואָרען.

נאָרמאַן מיינט, אַז דר. הערצל׳ס ערקלערונג קען אַרויסרופֿען די מיינונג, דאָס די קאָמיסיע מאַכט אַ אונטערשיעד צווישען יודען און קריסטען, און ער ערקלערט דערום, אַז די קאָמיסיע בעהאַנדעלט די דאָזיגע פֿראַגע נור פֿון איהר עקאָנאָמישער זייט און פֿערנעמט זיך אויך מיט דער פֿו׳אַגע וועגען די איטאַליענישע עמיגראַנטען. דערנאָך פֿרעגט ער דר. הערצלען, אויב די עמיגראַציע איז, נאָך זיין מיינונג, גוט פֿאַר ענגלאַנד אָדער ניט.

הערצל. איך בין ניט קיין ענגלענדער. נאָר אַז איך וואָלט געוועזן איין ענגלענדער, וואָלט איך די עמיגראַציע פֿון טיכטיגע, פֿלייסיגע און עהרליכע עמיגראַנטען געהאַלטען פֿאַר נוצליך. אַז איך וואָלט געוועזן איין ענגלענדער, וואָלט איך זיך בעמיהט צו געפֿינען דעם ריכטיגען ארט פֿאַר די נייע צוקומענדיגע מענשען און צו הויבען דורך זיי די קרעפֿטען פֿון לאַנד.

נאָרמאַן. איהר זאָגט, אַז די יודישע עמיגראַציע וועט נאָך גרעסער ווערען.

הערצל. יאָ.

נאָרמאַן. אפשר קומען אַהער אַזוי פֿיעל עמיגראַנטען, ווייל זיי מיינען, אַז דאָ איז גרינג געלד צונויפֿקלויבען ?

הארץ. פֿאַר ווענמען האָט ער זיך אויסצוקלאָגען, אַז ניט פֿאַר איהר, וואו האָט ער נאָך אַזא גוטען פֿריינד ווי זי ?

צו די קינדער זענען אוועק בריעף יענעם טאָג, וואָס זי איז געשטאָרבען. נאָר ווער ווייס וואו זיי זענען ? פֿיער קינדער האָט ער אין גאַנצען. עס זענען געוועזן אכט, זענען פֿיער ווי יונגע גענזעליך אַוועק פֿון דער וועלט פֿון שקאַרלאַטען, פֿון דעזענטריע, — זאָל מען דאָס ניט וויסען, — זענען געבליבען פֿיער: צוויי זיהן מיט אַ טאָכטער זענען אין אַמעריקא און איין זוהן אין אַפֿריקא, פֿון איהם ווייס מען גאָר ניט שוין באַלד צוויי יאָהר. ער דרעהט זיך מיט דער ווייב, בעהאַלט ער זיך, ער שרייבט ניט, מען זאָל ניט וויסען וואו ער איז, און גאָט ווייס צי לעבט ער גאָר.

אָט אַזוי דערווייטערען זיך קינדער ביי אַ אָרימען טאַטע און מאַמע.

וואַרטען אויף זייערע קדישים קאָן זי זיך דאָרטען גוט אויסשלאָפֿען. מילא, בּכן האָט דערווייל חיים בעריל געדונגען אַ שמש פֿון אַ קלייזיל, ער זאָל זאָגען קדיש און מאַכען איהר אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג אַ „אל מלא רחמים“, ביז עס וועט אָנקומען אַ ידיעה פֿון די קינדער, אַז זיי האָבען מקבל געוועזן דאָס גוטע בריוועלע.

2.

די צייט פֿון שבעה איז געוועזן אַ מנין ביי איהם אין שטוב, געדונגען אכט קלויזניקעס און ער אַ ניינטער, און אַ צעהענטען געקריגען אַזוי, און געדאַווענט און געזאָגט קדיש דריי מאָל אַ טאָג, ווי עס דאַרף זיין. אָט האָט דער מנין אביסיל אַרויסגעשלאָגען דעם אומעט, איין קלויזניק האָט געזאָגט איוב נאָך מנחה אויך, איז אויך געוואָרען עטוואָס גרינגער אויפֿ׳ן האַרצען:

אין איוב זעהט מען, אַז עס זענען פֿאַרהאַן נאָך גרעסערע צרות, און עס איז אַלץ פֿון גאָט, הוא נתן והוא לקח, ער גיט און ער נעמט, איוב איז אַ משל פֿאַר אַלע מענשען, אַך! ווי געשמאַק איז אַ קאַפּיטעל איוב, דאָס האַרץ צוגעהט ווי וואַקס, דאָס אויג — קאָפּ קאָפּ, און עס ווערט פֿאַרט גרינגער.

אָבער אַראָב שבעה, דער מנין איז ניטאָ, און חיים בעריל איז געבליבען איינער אַליין אין זיין דירה ביי טאָג און ביי נאַכט. און די נעכט זענען לאַנגע און פֿינסטערע, ווינטער איז זי געשטאָרבען סוף שבט. עס דאַכט זיך איהם, חנה־פֿייגיל געהט אַרום אין שטוב, אָט איז זי דאָ, אָט איז זי דאָרטען, אָט ביים אויווען, אָט אין אַ ווינקעלע, אַך, ווי מורא׳דיג!

און וואָס טהוט מען טאַקי איצט? וואו טהוט מען זיך אַהין? זיין איינער אַליין אין דירה, ווי אַזוי? און וואָס דאַרף ער אַזא דירה, אכט און פֿערציג קאַרבען אַ יאָהר דירה־געלד. וואָס וועט איהם קאַרג זיין אַ קאַמעריל פֿון פֿינף און צוואַנציג, צי דרייסיג רובעל אַ יאָהר? עס וועט זיין פֿערשפּאָרט האָלץ און וואַסער אויך. נאָר צוריקרעדענדיג, איז אויך ניט גוט, וואו וועט ער זיך אַהין טהון מיט אַזוי פֿיעל כּלי־בית אין אַ קאַמער? און די וואַרשטאַט? און ווער וועט דאָס וועלען אַריינלאָזען אַזא שכן ווי ער. איין אַלטען מענשען אַ שוסטער, אַ לאַפּאַטניק וואָס הוסט און כאַרקעט? דאָ איז ער זיך אַליין אַ בעל־הבית, זיין דירה, זיינע איינענע פֿיער ווינקעליך, יעדע זאַך שטעהט זיך אויף איהר אָרט, היינט נעם עסק זיך מיט׳ן קלויבעניש? און וואו? וואו קריגט מען דאָ אין גאַס אַ קאַמער, אין איין אַנדער גאַס קאָן ער ניט אַרויס. דאָ קאָנען איהם אַלע, דאָ האָט ער פּרנסה, און גלאַט ער קאָן ניט אַרויס. ער איז שוין צוגעוועהנט צו דעם הויף, צו דעם אָרט, עס איז אַלץ איהם ליעב דאָ. ער וואָהנט שוין אין דער

הערצל. די יודען קומען אהער ניט פיעל איבערקלערענדיג, זיי פאהרען, ווייל די נויט און דער הונגער טרייבט זיי.

נארמאן. איהר זאגט, אז ביי דער גרעסערער עמיגראציע קען אויך דא פערענדערט ווערען דאס שייכות פון פאלק צו יודען.

הערצל. איך וויל קיין נביא ניט זיין. נאר איך מיין, אז אויב עס וועט דא פערגרעסערט ווערען די צאהל יודען, וועט דער אנטיסעמיטיזם אויפוואקסען אויך דא. איך בין גליקליך, דאס איך קען זאגען, אז ענגלאנד איז ניט קיין אנטיסעמיטישעס לאנד. אבער איך האב מורא פאר שפעטער. עס איז זעהר וויכטיג פאר די גאנצע וועלט, אז די פרייהייט, מיט וועלכער ענגלאנד צייכענט זיך אויס, זאל אויך בלייבען אויף ווייטער.

נארמאן. אויך איך וואלט עס געהאלטען פאר א אומגליק, ווען אין ענגלאנד וואלט ענטשטאנען דער אנטיסעמיטיזם.

נארמאן. וואס האלט איהר פון דעם מיטעל פונאנדער צו טהיילען די עמיגראנטען אין פערשידענע ערטער פון ענגלאנד, כדי זיי זאלען ניט זיין אזוי צוזאמענגעשפארט אין לאנדאן?

הערצל. פון אזא מיטעל האלט איך ניט. אזא מיטעל קען אויך ניט דורכגעפיהרט ווערען. דער מענש, וועלכען איהר וועט הייסען וואהנען אין א געוויסער שטאדט, וועט מיינען, אז איהר זענט אויך מחויב איהם דארט צו שטיצען. ער וועט אייך תמיד זאגען: איהר גיט מיר די עצה דא צו בלייבען, איהר מוזט מיר אבער אויך געבען די מיטלען דא צו לעבען.

## די פראגען פון מאיאר גארדאן.

גארדאן. איהר מיינט, אז די ארבייט פון די יודישע צדקה־חברות האט גאר ניט געהאלפען?

הערצל. זיי זענען ניט בכח צו העלפען.

גארדאן. האבען די מיליאנען פון באראן הירש די לאגע פון די ארימע יודען פערבעסערט אדער פערערגערט?

הערצל. איך מיין, אז זיי האבען גאר נישט ניט אויפגעטהון. אין פערגלייך מיט דער גרויסער פראגע, זענען די ארבייטען פון יק"א גאר נישט ניט ווערט. זיי זענען א טראפען אין ים. העכסטענס, האבען זיי נור געזארגט פאר אייניגע קינדער־שולען און פאר אייניגע קליינע פראבען אין קאלאניזאציע.

גארדאן. טהוען זיי וואס נוטס, אדער דאס געלד ווערט נור אומזיסט ארויסגעווארפען?

הערצל. כמעט ווי אומזיסט ארויסגעווארפען.

גארדאן. דאס געלד ווערט בענוצט צו שיקען א טהייל יודען קיין ארגענטינא.

הערצל. יא.

גארדאן. און א טהייל קיין פאלעסטינא?

הערצל. ניין!

גארדאן. איז ניט אמת, אז די יודישע קאלאניזאציע איז געפאלען?

הערצל. זי איז געפאלען, ווייל אזא זאך קען מען ניט דורכפיהרען נור מיט געלד אליין. פאר א גרויסע קאלאניזאציע דארף מען האבען א פאהן און א אידעע. דאס איז ניט געווען און דערפאר האט מען אין דער ארבייט קיין גליק ניט געהאט.

גארדאן. עס איז געזאגט געווארען, דאס דעם באראן הירש'ס קאמיטעטען פערגרעסערען נור די צאהל פון שנארערס.

דר. הערצל. איך מיין אויך אזוי.

## די פראגען פון מיסטער וואלענס.

וואלענס. וואס פערשטעהט איהר אונטער דעםווארט "אסימילאציע"?

הערצל. אסימילאציע הייסט אזוי גלייך ווערען צו אנדערע, אז מען זאל מעהר זיי ניט קענען אונטערשיידען.

---

דירה פינף און צוואנציג יאהר, אמת ניט קיין גוטע דירה, זי דארף האבען א פולע רעמאנט, זי האט אין זיך פייכטקייט, זי איז א פינסטערע, די פענסטער גלייך מיט דער ערד, גאר אין איין אונטערשטען עטאזש, נאר דערפאר איז פארט א דירה אליין; און ער ווייס, אז ווי באלד ער געהט נור ארויס זענען פארהאן צוואנציג בעלנים אויף איהר, וואס וועלען געבען איבער פופציג רובעל דירה־געלד. פארהאן טאקי א שוסטער אויך, וואס חלש'ט צו די דירה. — ניין — זאגט חיים בעריל, איך טאר ניט ארויס פון איהר.

אבער צוריק, ווי איז מען איינער אליין אין איהר? אי, ניט גוט, אי, פעהלט איהם חנה־פייגיל. איין גאט ווייס, ווי ס'איז איהם אויפ'ן הארצען

איהם איז אריינגעפלויגען א געדאנק וועגען א "בעלת־הבית'טע", נאר באלד האט ער זיך כמעט ווי געשלאגען "אשמנו", פע, ווי אזוי? אזוי גוט געלעבט מיט איהר, עליה־השלום, און באלד קלערען וועגען א צווייטער? און א יוד פון פינף און זעכציג יאהר? ניין! גלאט עס האט זיך א קלער געטהון, און וואס טהוט מען מיט די קלערעניש און געדאנקען? ניין! ער מיינט דאס ניט, חלילה! ער וועט שוין נאך אמאל ניט חתונה האבען, ער דארף בלייבען איין אלמן דאס גאנצע לעבען. נאך אזא חנה־פייגיל א גוטע, א בעליעבטע און צנועה וועט ער ניט קריגען שוין, און אז יא התונה האבען איז ווער וויים וואס פאר א שלאק ער קאן חאפען, וואס פאר א דונער, אין די צווייטע פאר אויף דער עלטער, — ניין! עס דארף שוין זיין אזוי...

אי, ס'איז ניט גוט זיין איינער אליין אין אזא דירה און ארויס קאן ער אויך ניט: דא איז זיין קראם, דא איז זיין פרנסה, דא האט ער א פענסטער צום גאס. אט האט ער זיך מישב געווען גאר פריוועז אזא קונץ, ארייןלאזען צו זיך עפים א גרינגען שכן, א קוואטיראנט, א חאלאסטיאק, צי א פאר פאלק א גרינגע, אט וועט זיין פרעהליכער, און עס וועט איהם קאסטען וועלוועלער די דירה.

זעהר א גוטע עצה, און די בעסטע עצה.

צי וועט ער קריגען א שכן, וואס זאל זיין פאסעדיג, ווייס ער ניט. נאר פריוועז דארף מען זיך. אט איז ער אריין צו א סופר, וואס שרייבט תפילין, געגעבען א זעקסער, און האט געלאזען אויפשרייבען א צעטיל מיט גרויסע אותיות כתיב'עטע: "דא פערדינגט זיך א דירה פאר א קוואטיראנט", און האט צוגעקלעבט דעם צעטיל מיט שוסטערשע קליי איבער'ן פענסטער צום גאס.

אראב א טאג, צוויי — ניטא; קיינער קומט ניט.

חיים בעריל איז ארויס עטליכע מאל א קוק טהון, צי דער צעטיל איז פארהאן. אפשר האבען חברה־ליידאקים אראבגעריסען, אפילו גוט צוגעקלעבט. נאר דער צעטיל איז דא. די אותיות שטעכען די אויגען, יעדער אות ווי א קולאק.

ויהי ביום השלישי, אויפ'ן דריטען טאג, חיים בעריל זיצט זיך אזוי מיט'ן פארטוך ביי'ן ווארשטאט, און לאטעט א פאר אלטע שיך, ערשט א יונג ווייביל איז אריין, א שענע, א הויכע, און זאגט מיט א קול, — וואס א יוד טאר ניט הערען — דין, זיס, מחיה־נפשות: דא פערדינגט זיך דאס די דירה?

— ניין! — ענטפערט חיים בעריל, ניט דא, און האט ניט געוואלט מעהר קוקען אויף איהר, דער יצר־הרע איז אריין מיט איהר.

— טא, וואס איז דא פאר א צעטיל?

וואלענס. אז די יודען וועלען צושפרייט ווערען, וועט דאס ניט פיהרען צו אסימילאציע?

הערצל. ניין, די יודען לעבען צושפרייט איבער דער וועלט שוין 1800 יאהר, און זיי האבען זיך ביז היינט ניט אסימילירט.

וואלענס. ווי דארף מען פערשטעהן אייערע ווערטער, דאס די עמיגראציע מוז אבגעצויגען ווערען פון ענגלאנד. האט איהר א בעשטימטען פלאן?

הערצל. געוויס!

וואלענס. קענט איהר אייער פלאן אונז בעשרייבען?

הערצל. איך קען אייך דא איהם געבען נור בכלל. איך וואלט מיך זעהר געפרעהט, ווען איך וואלט געקענט דאס אלעס איבערגעבען דעם פרעזידענטען. ווען ער וועט האלטען פאר נויטהיג, קען ער עס דערנאך איבערגעבען זיינע חברים.

וואלענס. אין וואס בעשטעהט אייער פלאן?

הערצל. עס זאל געשאפען ווערען איין ארט, וואוהין די יודען זאלען קענען פאהרען.

## די פראגען פון לארד ראטשילד.

ראטשילד. איז עס מעגליך צו זיין צו גלייכער צייט איין ציוניסט און איין טרייער בירגער פון לאנד?

הערצל. געוויס. א ראיה דערצו האט איהר געקענט האבען אין דער לעצטער מלחמה אין אפריקא. עס איז מיר בעקאנט, אז אין אייער חיל זענען געוועזן צוויי ציוניסטישע פעראיינען.

אויף ראטשילדס ביטע ערקלערט דר. הערצל דאס ציוניסטישע פראגראם.

ראטשילד. איהר ווייסט, דאס נדיבים, וועלכע איך וויל דא ניט אנרופען מיט די נעמען, האבען געפרופט גרינדען יודישע קאלאניעס אין פאלעסטינא?

הערצל. זיי האבען קיין ערפאלג ניט געהאט.

ראטשילד. עס זענען דא פערשידענע מיינונגען וועגען דעם, פאר וואס די קאלאניעס האבען זיך ניט איינגעגעבען; נאר דער עיקר, זאגט מען, שטעהען די קאלאניעס שלעכט, ווייל די טערקישע רעגירונג האט געשטערט.

הערצל. איך וואלט ניט געוואלט איצט רעדען איבער די טערקישע רעגירונג און איבער די קאלאניעס אין ארץ ישראל. אויב איהר וועט מיר שיינקען איינינע מינוטען אויסער דער קאמיסיע, וועל איך אייך ערקלערען מיינע מיינונגען וועגען דעם.

ראטשילד. מען האט אייך געפרעגט וועגען די יודען אין רוסלאנד און פוילען. זענט איהר געוועזן אין יענע לענדער?

הערצל. ניין, עס זענען אבער דא א סך זאכען, ווי למשל פון היסטאריע, וועלכע איך ווייס, האטש איך האב זיי ניט געזעהן. איך בין בעקאנט מיט דער יודישער לאגע אין רוסלאנד פון די זיכערסטע קוועלען.

ראטשילד. קענט איהר דערצעהלען דער קאמיסיע, וואס עס קומט איצט פאר מיט די יודען אין רומעניען?

הערצל רעדט וועגען דער יודישער לאגע אין רומעניען. ער דערצעהלט, אז פון 1/4 מיליאן יודען ווערען נור 300 גערעכענט פאר רומענישע אונטערטהאנען. די איבריגע ווערען געהאלטען פאר פרעמדע און ווערען גערודפ'ט פון דער רעגירונג און פון פאלק.

אז עס האבען זיך געענדיגט די פראגען פון דער קאמיסיע, האט איהר פרעזידענט לארד דזשעמס איבערגעגעבען אין קורצען הערצלס תשובות. דר. הערצל, זאגט ער, איז געקומען אין די קאמיסיע מיט דעם רצון אלעס צו טהון, וואס עס קען נור נוצען בריינגען זיין פאלק. ווי א אדוואקאט פון זיין פאלק איז דר. הערצל געגען די פערשווערונגען פאר די עמיגראנטען, ער איז אויך געגען יעדען אונטערשיעד, וואס קען געמאכט ווערען צווישען יודישע און אנדערע עמיגראנטען. דאס לעבען

---

— גאר נישט — ענטפערט חיים בעריל און פארקעט זיך מיט א שוך.

— ווי הייסט? — זאגט דאס וייביל מיט'ן יצר־הרע'דיגען קול־בעלע.

— יא, א דירה, אבער פאר א מאנסביל.

— טאקי פאר א מאנסביל.

— אזוי? — זאגט חיים בעריל, איז גוט, טא, זאל קומען דער מאנסביל אליין.

— זאגט נור, אז איהר פערדינגט, וועט ער קומען אליין.

— און ווער זייט איהר? — זאגט חיים בעריל און פארט א קוק־געטהון אויף איהר נאך אמאל, און בעת־מעשה נאר פערגעסען אן חנה־פיינלען.

— וואס ארט דאס אייך, ווער איך בין. ניט פאר מיר, ניט פאר מיר.

— און ווער איז יענער? אפשר פון היינטיגע חברה מיט די בלאהע העמדליך, — וויל איך ניט פאר כל הגעלד.

— גאט בעוואהר! — ענטפערט דאס וייביל מיט א געלעכטעריל. א פרומער יוד, אין אייערע יאהרען.

— אליין צי מיט א וייב?

— איינער אליין.

— און וואס איז ער אייערער?

— וואס מאכט אייך דאס אוים? א פעטער, א קרוב, א בעקאנטער. דאס איז ניט אייער דאגה, אייער דירה־געלד וועט מען אייך אבצאהלען.

— גוט, גוט, זאל ער קומען.

— נו, און וואו איז די דירה, צי אין קאמער, צי אין שטוב.

— וואו ער וויל. די גאנצע דירה פאר איהם, אי די שטוב, אי די קאמער. איך בין ברוך־השם געבליבען איינער אליין, דאס וייב געשטארבען.

— נו, און ווער קאכט עפים אויף?

— דאס ווייס איך ניט, ביי מיר איז רעכט אזוי, צי איך קאך אליין עפים אויף, קאכען איהם נעם איך זיך ניט אן. די דירה פאר איהם. וואס ער וויל, זאל ער טהון.

— און א בעט פארהאן?

— פארהאן, פארהאן. איהר בעט, עליה־השלום, איך וועל שלאפען אין איהרער און ער אין מיינער, פארהאן צוויי בעטען. ווי ניט, קאן מען צושטעלען ביינקליך.

— און וואס וועט קאסטען א יאהר דירה־געלד, צי פון חרש?

— זאל ער קומען. מיר וועלען דורכקומען. צום רב וועלען מיר ניט געהן.

— גוט, גוט. היינט, מארגען קומט ער — זאגט דאס וייביל און איז אוועק.

(פארטזעטצונג קומט).

יבנה"ז.

פון די עמיגראנטען אין לאנדאן איז דר. הערצלען, ווי ער האט אליין געזאגט, ווענינ בעקאנט. אם ענדע ניט איבער לארד דזשעמס דר. הערצלס מיינונג וועגען דער נויטהינקייט צו פעראייניגען אלע הילפסמיטלען צו בעזעצען די יודישע עמיגראנטען אין איין לאנד נאך א בעשטימטען פלאן.

---

## פאליטישע איבערזיכט.

סאליסביורי. — דער ארמענישער קאנגרעס. — דער קאנאל אין אמעריקא.

דער ענגלישער ערשטער מיניסטער סאליסביורי האט זיך אבגעזאגט פון זיין שטעל. אייגענטליך איז די דאזיגע ידיעה ניט געקומען גאנץ אומגעריכט. סאליסביורי איז שוין אלט און שוואך — ער איז 72 יאהר אלט — און קלויבט זיך שוין פון לאנג אן צו פערלאזען דאס מיניסטעריום. מיט סאליסביורים ארויסטרעטען ווערט די פאליטישע לאגע גאנץ ווענינ פערענדערט. אנשטאט איהם קומט אויף זיין שטעלע איין מיטגליעד פון מיניסטעריום באלפור, וועלכער איז שוין פון א צייט בעקאנט אלס א געניטער און קלוגער פאליטיקער.

לארד סאליסביורי האט נעהערט צו דער קאנסערוואטיווער פארטיי. אין דער פאליטיק איז ער געוועזן ביקאנספילדס א תלמיד. ער איז אויך אייניגע מאל געוועזן מיניסטער אונטער ביקאנספילדס פיהרערשאפט. סאליסביורי איז געשטאנען א סך נידריגער ווי זיין בעריהמטער יודישער לעהרער. בעת ביקאנספילד האט נאך געלעבט, האט סאליסביורי ניט געקאנט שפיעלען א גרויסע ראליע. ערשט אבער, ווען ביקאנספילד איז געשטארבען, האט סאליסביורי איבערגענומען די פיהרערשאפט פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי. דריי מאל איז סאליסביורי געוועזן ערשטער מיניסטער און זיין נאמען איז פערבונדען מיט אלע וויכטיגע געשעהנישען פון ענגלישען לעבען אין די לעצטע 20 יאהר.

בנוגע צו אויסלאנד האט סאליסביורי זיך תמיד בעמיהט, אז קיין וויכטיגע זאך זאל אין אייראפא ניט געשעהען אהן ענגלאנדס דעה. סאליסביורי האט ווי זיין בעריהמטער לעהרער תמיד געמאכט נייע פלענער ווי אויסצוברייטען ענגלאנדס הערשאפט איבער נייע מדינות. נאר אין איין ענין איז סאליסביורי אבגעטרעטען פון דער געוועהנליכער ענגלישער פאליטיק, דאס איז אין דער פאליטיק בנוגע צו טערקיי. ענגלאנד איז פון אלע מאל געוועזן אויף טערקיי׳ס זייט, די ענגלישע רעגירונג האט געהאלטען שטענדיג פאר ניצליך צו שטיצען „דעם קראנקען מענשען“, ווי מען האט גערופען טערקיי, כדי דורך דעם ניט צו דערלאזען איהר צוטהיילונג. אבער אין 1896-סטען יאהר, ווען עס זענען ענטשטאנען גרויסע אונרוהען אין ארמעניען, האט סאליסביורי מיט אמאל זיך אבגעזאגט פון דער אלטער פאליטיק און פון א פריינד איז ער געווארען טערקיי׳ס א שונא. ער האט דאן געהאלטען א רעדע, אין וועלכער ער האט געזאגט, אז עס דארף קומען א סוף צו טערקיים הערשאפט אין אייראפא, און האט פערלאנגט, אז אייראפא זאל זיך אננעהמען פאר ארמעניען.

סאליסביורי האט אבער א טעות געהאט אין זיין חשבון. טערקיי איז נאך ניט געוועזן אזוי שטארק קראנק, ווי ער האט געמיינט. אייראפא האט זיך אין די ארמענישע פראגע ניט אריינגעמישט. און ענגלאנד האט פון דעמאלט אן אנגעוואהרען איהר קראפט ביים טערקישען הויף. פון יענער צייט אן האט טערקיי אויפגעהערט צו טרויען ענגלאנד. די ענגלענדער זענען מיט טערקיי איצט גאר קנאפע מחותנים, און אנשטאט זיי זענען שטארק געווארען ביים טערקישען הויף די דייטשען און רוסען.

מיט דער דאזיגער פאליטישער פערענדערונג רעכענען זיך די ארמעניער. וועלכע פערלאנגען אייראפא׳ס הילף ביי דער דורכפיהרונג פון זייער נאציאנאלען פראגראם. פריהער האבען זיי געזוכט פריינד פאר זייער בעוועגונג דערהויפט אין ענגלאנד, איצט אבער זוכען זיי זיך פריינד אין אנדערע אייראפעאישע מלוכות, אין דייטשלאנד און אין פראנקרייך.

דער ארמענישער קאנגרעס איז צוזאמענגעקומען אין בריוסעל. אין איהם האבען טהייל גענומען פערטרעטער פון פערשידענע פעלקער. דער קאנגרעס האט געקראגען ביי 2000 בעגריסונגען פון פערשידענע אייראפעאישע לענדער. אויפ׳ן קאנגרעס איז פארגעלייענט געווארען א רעפעראט, אין וועלכען עס ווערט געשילדערט די טרויעריגע לאגע פון די ארמעניער אין טערקיי און אין וועלכען עס ווערט אויפגעוויזען די וויכטיגקייט פון דער ארמענישער בעוועגונג.

אויפ׳ן קאנגרעס איז אנגענומען געווארען א וויכטיגער בעשלוס, אז עס מוז אבגעהיט ווערען די גאנצקייט פון דער טערקישער מלוכה. דער קאנגרעס פערלאנגט ניט קיין אייגענע ארמענישע מלוכה, נאר געוויסע נאציאנאלע פרייהייטען אונטער טערקיים הערשאפט. די ארמעניער פערלאנגען, אז עס זאל איבער די פראווינצען, וואו זיי וואהנען, אוועקגעשטעלט ווערען איין קריסטליכער גובערנאטאר, וואס זאל אויסגעקליבען ווערען אין הסכם פון דער טערקישער און די אייראפעאישע רעגירונגען; ווייטער פערלאנגען זיי, אז מען זאל זיי געבען דאס רעכט ביי זיך אין די פראווינצען צו האלטען איין אייגענעם חיל, וויפיעל עס איז נור נויטהיג אויף אבצוהיטען די ארדנונג אין לאנד.

די ארמעניער פערשטעהען גאנץ גוט, אז די דורכפיהרונג פון זייער פראגראם איז ניט קיין גרינגע ארבייט. זיי פערלאנגען די הילף פון אייראפא. דערום רופען זיי צונויף קאנגרעסען, כדי בעקאנט צו מאכען די אייראפעאישע פעלקער מיט זייער לאגע און מיט זייערע פאדערונגען.

דער קאנגרעס האט בעשלאסען אויסצוקלויבען א בעזונדער קאמיסיע פאר אגיטאציע. די דאזיגע קאמיסיע דארף זעהן צו געווינען פאר זיך די צייטונגען, פאליטיקער און פארלאמענטען פון אייראפא.

דער קאנגרעס בעט די אייראפעאישע צייטונגען, זיי זאלען ברינגען אפטע ידיעות וועגען ארמעניען.

דער ארמענישער קאנגרעס האט אויסגעקליבען א שטענדיגען קאמיטעט, וועלכער וועט זיין אין בריוסעל. דער קומענדיגער ארמענישער קאנגרעס וועט אויך ווידער זיין אין בריוסעל.

פון קאנגרעסען, וואס ווילען מיט פריעדליכע מיטלען פערבעסערן די לאגע פון א פאלק, וועלען מיר איבערגעהן צו א וויכטיגען בעשלוס, וואס וועט האבען זעהר א גרויסען ווערטה פאר דעם וועלט-האנדעל. דער אמעריקאנער פרעזידענט רוזוועלט האט איצט אונטערגעשריבען דאס געזעץ וועגען דעם קאנאל, וואס וועט ווערען געגראבען צווישען צפון און דרום-אמעריקא. דער דאזיגער קאנאל וועט פעראייניגען די צוויי גרויסע ימים פון ביידע זייטען אמעריקא און וועט אויף א סך פערקירצען דעם וועג צווישען אזיען און מזרח-אמעריקא.

ביידע אמעריקאס זענען צוזאמענגעבונד׳ען דורך א שמאלען פאס ערד. דער פאס קען דורכגעגראבען ווערען אדער אין דעם ארט, וואס איז בעקאנט אונטער דעם נאמען פאנאמא, אדער אין דעם ארט ניקאראגוא. א פראנצויזישע חברה האט אמאל שוין אנגעהויבען דורכצוגראבען דעם פאנאמער פאס, די חברה האט אבער אנגעזעצט און די ארבייט איז געבליבען ליגען אין מיטען. די אמעריקאנישע רעגירונג וויל

איצט אבקויפען ביי דער אנגערופענער חברה איהר רעכט אויף דעם פאנאמאמער קאנאל פאר 40 מיליאן דאלאר. אויב אבער די חברה וועט פון איהר רעכט זיך ניט וועלען אבזאגען, וועט דאן דער קאנאל געגראבען ווערען אין ניקאראגוא. אויף דעם קאנאל האט די רעגירונג בעשטימט 180 מיליאן דאלאר. י. ל.

---

## מָרְדְּכַי בֶּן מַתִּתְיָהוּ אנטאקאלסקי

### פון בעל מחשבות.

דער גרויסער רוסישער קינסטלער מרדכי בן מתתיהו אנטאקאלסקי איז געשטארבען, זיין נאמען האט געקלונגען אין דער גאנצער וועלט, און דורות וועלען נאך פערגעהען איידער זיין נאמען וועט פערגעסען ווערען, דען ער האט אונז איבערגעלאזען זיינע ווערק. זיינע געשטאלטען אין מארמאר און אין בראנזע, וואס רעדען מיט אונז א שפראכע פון מענשען, וועלכע האבען פיעל געקלערט און געליטען.

זיין מזל איז געווען אזוי גרויס, דאס אויך ביי אונז אין דעם קליינעם יודישען וועלטעלע האט מען פון אנטאקאלסקי געהערט און גע־וואוסט. אוועגדס ביי'ן אויווען אין בתי מדרשים פלעגט מען דערצעהלען וואונדערליכע היסטאריעס פון א ווילנער יודישען קינד, וואס איז פריהער געווען א ארימער יודישער שניצער און מיט דחקות און פיין פערדיענט דאס שטיקיל ברויט. קיינער האט ניט פערשטאנען, וואס פאר א קונציגער שניצער דאס איז, וואס פאר א גרויס טאלענט עס ליגט בעהאלטען אין דעם דאזיגען 20 יאהריגען בחור, וואס פלעגט אפטמאלס שטעהען מיט זיין ארבייט ביי'ן ווילנער שויל־הויף, ביז עס איז געקומען די פרוי פון גענעראל-גובערנאטאר נאזימאוו און האט איהם אוועקגעשיקט אין פעטערבורג אין די קייזערליכע אקאדעמיע פאר קינסטלער. דאמאלס האבען יודען אנגעהויבען צו פערשטעהן, אז אין דעם יונגען מרדכי שטעקט עפּיס אזוינס, וואס האט פאר זיי די אומות העולם עפּיס א משונה'דיגע ווערדע, זיי האבען איהם ווייניג וואס מקנא געווען: איידער צו ווערען א קרוב למלכות און זיך אנשטאפען מיט טרפות, איז שוין גלייכער צו בלייבען א פראסטער ווילנער בעל מלאכה. נאר הנאה האבען זיי געהאט, וואס איינער פון „זיי" איז אריין אין די הויכע פענסטער און שפּילט אזא ראלע ביי די שררות אין פעטערבורג. און בשעת עס איז ארויס א קלאנג, אז דער קייזער אלעקסאנדער דער צווייטער איז אליין בכבודו ובעצמו געווען אין ווארשטאט פון קינסטלער, — האבען יודען געקוועטשט מיט די פלייצעס, עס אנגעהויבען צו פערשטעהען, וואס דא טהוט זיך, און פון דעסטוועגען שטארק הנאה געהאט, שטארק געשטאלצירט מיט זייער ווילנער בחור'ל. ווילנער יודען האבען געהאט געקריגען א נייע געשטאלט פאר זייער פאנטאזיע: צו „ווילנער בעל־הבית'ל" איז צוגעקומען דער שניצער אנטאקאלסקי, דער חילוק איז נור געווען, דאס די חזנות פון ווילנער בעל־הבית'ל האבען זיי געפיהלט און פערשטאנען, די שניצעריי פון א אנטאקאלסקי איז אבער געווען פאר זיי א בוך מיט זיעבען זיגלען.

דערום ווי נור אנטאקאלסקי איז אוועק פון די ווילנער בעלי־הבתים, איז דער אבשטאנד געווארען אלץ גרעסער צווישען איהם און זיין פאלק. ער האט ביי זיי ניט געפונען קיין מבינים אויף זיך. ער האט פאר זיי ניט געקענט ארבייטען. יעדער קינסטלער, און זאל ער אפילו זיין אזוי גרויס ווי אנטאקאלסקי, געהט ניט ארויס פארטיג ווי פון נאדיל ארויס. ער דארף האבען לעהרער און ערציהער, ער דארף האבען די אמת'ע מבינים אויף זיך וועלכע זאלען ענטוויקלען זיין טאלענט לויט דעם ווי עס געהערט זיך. ער מוז האבען שולען און פראפעסארען, וואס זאלען איהם אויסלערנען די ריכטיגע טעכניק, ער דארף לערנען אונטער מענשען, וואס זאלען איהם קענען אנווייזען ווי אויסצוניצען זיינע טייערע כוחות. אלע אונזערע פעהיגקייטען, מיט וואס די נאטור האט אונז געבענטשט, קענען אנגעווענדט ווערען דערצו, צו פערגרעסערען דעם מענשענס שכל, צו דערווייטערען די מענשליכע געפיהלען. מען דארף נאר וויסען, ווי די כוחות אנצווענדען, און וואס פאר א פארם דאס איבערצוגיסען.



מרדכי בן מתתיהו אנטאקאלסקי.

אנטאקאלסקי האט דאס ביי די ווילנער תושבים ניט געקענט געפינען, מען האט דאמאלס בכלל נישט געוואוסט ביי יודען, אז די קונסט צו מאלען און צו ארבייטען אין שטיין און אין מארמאר איז איינע פון די גרויסע מתנות, מיט וואס די נאטור בענטשט א מענשען. מען האט נאך ניט פערשטאנען, וואס פאר א טיעפע רעיונות און געפיהלען דער קונסטמאלער דריקט אויס מיט זיין פינזעל, און צו וואס פאר א נשמה יתרה עס קען אונז דערהויבען די ארבייט פון א

בילדהויער, וואָס האָט אין מאַרמאָר איבערגעגעבען דעם גייסט פֿון אַ גרויסען מענשען. און אנטאָקאָלסקי האָט געמוזט פֿערוואַנעלט ווערען צו אַ אַנדער פֿאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין ענין פֿון קונסט אויף אַ העכערער מדרגה, ווי זיינע ברידער ״די יודען. און לאַנג נאָך וועלען אונזערע קינסטלער מוזען געהען צו אַנדערע פֿעלקער. דען ווער ווייסט דען ביי אונז די ווערדע פֿון אֱמת׳ער קונסט, די ווירקונג איהרע אויף אונזערע חושים? — די קונסט לערנט אויס דעם מענשען צו אונטערשיידען פֿאַרבען און ליניען אין דער נאַטור. צוליעב דער קונסט הויבט אָן אונזער אויג קלאָרער און דייטליכער צו זעהען, זי לערנט אויס בכלל צו זעהען. אָהן די קינסטלער וואָלטען מיר גאַנץ וועניג פֿערשטאַנען דעם זין פֿון דער נאַטור. צוליעב די גרויסע קינסטלער הויבען מיר אָן צו בעגרייפֿען די נשמה פֿון יעדער זאַך. זיי האָבען דעם כח אונז צו ווייזען אין בילדער, ווי דאָס געטליכע לעבען שפּיגעלט זיך אָב אין דער שטומער נאַטור און אין אַליץ, אויף וואָס עס פֿאַלט אַ שטראַהל פֿון דער זון. יעדע זאַך ארום אונז דרוקט אונז איהר גייסט אין פֿאַרבען און ליניען. האָבען מיר ניט קיין חוש פֿאַר פֿאַרבען און ליניען, האָבען מיר אויך קיין ריכטיגעס בילד פֿון דער זאַך, וואָס ליגט פֿאַר אונז. מיט אַ פֿערשלייערטען בליק געהען מיר דורך גאָט׳ס ערד, וואו אין יעדען גרעזעלע לעבט און וועבט די קראַפֿט פֿון דעם בורא׳ס האַנד. מיר זענען ניט בכח צו קריגען אַ קלאָרעס בילד פֿון אונזער ארומיגען לעבען, דער מח איז פֿעראַרימט, די פֿאַנטאַזיע איז גרוי און די געפֿיהלען אונזערע שיינען מאַט הערוים ווי דורך בעשטויבטע פֿענסטער. דער קינסטלער רייניגט אונזער בליק, מאַכט קלאָר אונזערע אויגען, טראָגט אַריין פֿאָרמען און פֿאַרבען אין אַרומיגען לעבען. ער לערנט אונז אויס צו זעהען מיט זיין טיעפֿען קוק, ער לערנט אונז אויס צו דערקענען די פֿיינסטע הילוקים אין דער שטומער נאַטור און אין דער לעבענדיגער געשטאַלט פֿון אַ מענשען. און צוליעב דעם הויבען מיר אָן צו אונטערשיידען דעם כאַראַקטער פֿון דער נאַטור און דעם מענשען, די פֿערבאָרגענע נשמה פֿון יעדער זאַך. —

אֱמת, מען בויט זיך דורך דעם ניט קיין מויערען, דער ביישטעל ווערט דערפֿון ניט שווערער, דערפֿאַר ווערען די חושים אָפֿענער, און דער וואָס שעצט אין מענשען ניט נור דאָס שאַרף קעפּיל, נאָר אויך אַ פֿיין אויג וואָס ז ע ה ט, אַ אויער וואָס ה ע ר ט — וועט דאַנקבאַר זיין דעם קינסטלער, וואָס האָט אונז מיט זיינע ווערק אויסגעלערנט צו זעהען און מיט דער האַרמאָני פֿון קלאַנגען אויסגעפֿיינט אונזער אויער.

אַנטאָקאָלסקי האָט געמוזט אַוועקגעהען פֿון פֿאָלק, וואָס האָט איהם ניט געוואָלט און ניט געקענט פֿערשטעהען. ווי אַ קינד פֿון זיין פֿאָלק האָט ער זיינע ערשטע בילדער געזוכט אין יודישען לעבען, ער האָט אין האָליץ געשניצט דעם „יודישען שניידער,“ וואָס איז בלינד געוואָרען פֿון דער שווערער אַרבייט און וואָס מאַטערט זיך אָב אַריינצושטעקען אַ פֿאָדעם אין לעכיל פֿון נאָדעל, ער האָט אונז געוויזען דעם „חריף און דעם בקי“, וואָס זענען זיך ווילד מתוכּח וועגען אַ האַרב שטיקיל גמרא; ער האָט זיך פֿערטיעפֿט אין גייסט פֿון דעם „יודישען קמצן“, וואָס צעהלט מיט אַ ניריגען בליק די רענדליך... און אויך שפּעטער, בשעת דער בעריהמטער קריטיקער סטאַסאָוו האָט שוין גערעדט פֿון אַנטאָקאָלסקי מיט ליעבשאַפֿט און פֿרייד, בשעת ער האָט שוין אויף איהם נביאות געזאָגט, אַז זיין נאָמען וועט אַמאָל בעקרוינען „די רוסישע קונסט“— אַפֿילו דאַמאָלס איז אַנטאָקאָלסקי׳ס מוח פֿול געוועזען מיט די טרויריגע געשטאַלטען פֿון זיין אייגען פֿאָלק. „די אַנוסים (מאַראַנען) פֿון שפּאַניען האָבען בעשעפֿטיגט זיין קינסטלעריש געמיט. ער האָט געזעהען אין זיין פֿאַנטאַזיע די פֿינסטערע הייהלען, וואו די אנוסים פֿלעגען זיך בעהאַלטען פֿון זייערע פֿערפֿאָלגער, ער האָט מיט אַ טרויריגען בליק זיך פֿערטיעפֿט אין זייער פֿינסטערען מזל. פֿון לעהם האָט ער געמאַכט אַ גרויס ווערק, וואָס ווייזט אונז ווי אַ פֿאַמיליע פֿון אנוסים ריכטען אָב דעם פּסח־סדר אין אַ בעהאַלטענער הייהל. צוויי פֿערבאָרגענע טיהרען פֿיהרען פֿון הייהל צו דעם רייכען פּאַלאַץ, וואו זיי פֿיהרען אַ קריסטליכעס לעבען. אָבער דער פּאַלאַץ איז פֿאַר זיי אַ מין תּפיסה, זיי פֿיהלען זיך נור אַלס יודען, ווען זיי קומען אין די פֿינסטערע הייהל. דער סוד פֿון דעם פֿערבאָרגענעם לעבען איז אַרויס אויפֿ׳ן וואַסער. און אין דער צייט, בשעת די אַנוסים ריכטען אָב דעם סדר, רינגלען ארום די סאָלדאַטען די הייהל, און דורך איין פֿערבאָרגענע טיהר קומען אַריין די שפּאַנישע אינקוויזיטאָרען מיט אַ בליק פֿון מלאך המות אין די אויגען. אַ שרעק האַפּט אָן די אָרימע אנוסים. פֿרויען, קינדער און יונגע לייט רייסען אַרונטער דעם געשטיקטען טישטוך, שליידערען אַרונטער די טייערע כלים און וואַרפֿען זיך צו דעם צווייטען פֿערבאָרגענעם אויסגאַנג. אָבער צוויי אַנוסים, אַ אַלטער און אַ יונגער בלייבען שטעהען רוהיג ביים טיש און קוקען מיט אַ שטאָלצען בליק אין די פֿינסטערע פּנים׳ער פֿון די בלוטגיריגע אינקוויזיטאָרען. אמונה און בטחון לויכט אַרויס פֿין זייערע בליקען, מיט לייכטע טריט וועלען זיי מאָרגען געהן אין פֿייער על קדוש השם. —

אַנטאָקאָלסקי׳ן האָט זיך געוואָלט אין דעם ווערק געבען אַ האַרצרייסענדען בילד פֿון יודישע צרות, אַזאַ בילד, וואָס זאָל איטליכען אָנגרייפֿען ביי דער נשמה; ער האָט געוואָלט פֿאָרשטעלען דעם כח פֿון דער יודישער אמונה, דעם שטאָלץ פֿון דעם יודישען פֿאָלק. זיין ווערק האָט מען ניט פֿערשטאַנען ניט ביי ז י י און ניט ביי אונז. ז י י האָבען ניט געקענט מיטפֿיהלען דעם שמערץ פֿון אַ פֿרעמד פֿאָלק. מיר זענען נאָך געוועזען צו פֿערגרעבט אַנטאָקאָלסקיס אַרבייט צו שעצען. די יודישע פּעטערבורגער גבירים זענען ניט געשטאַנען אין דעם העכער פֿאַר די ווילנער דיענסטמיידיל ביי אַנטאָקאָלסקי׳ס פֿאָטער, וועלכער האָט פֿון „דער הייהל“ געמאַכט אַ היהנערשטייג. זיי ד׳י גבירים האָבען אַנטאָקאָלסקי׳ן געלאָזט פֿערהונגערען, מיט קיין זאַך האָבען זיי איהם ניט געשטיצט, און בשעת אין ווילנא האָט מען געמיינט, אַז מרדכי איז שוין כמעט אַ קרוב למלכות, האָט ער פֿון נויט, צרות און פּיין אָנגעהויבען צו שפּייען מיט בלוט. בעת אין ווילנא האָט מען איהם אין בית המדרש גערופֿען „דעם קייזער׳ס בעל מלאכה“ איז אַנטאָקאָלסקי געשטאַנען מיט פֿערבראָכענע הענד פֿאַר זיין יאָהרענלאַנגער אַרבייט, דעם איצטיגען היהנער־שטייג, און די דינסט־מיידיל האָט געטענה׳ט:

— נו וואָס איז דאָ די בייז? זיי וועלען אייך דאָך דאָס שטיק לעהם ניט אויפֿעסען! אַי וואָס די היהנער האָבען אָנגעפּאַטשקעט?! וועט מען ריין מאַכען. אויך מיר אַ דאַגה!...

דאָס ווערק „די אַנוסים פֿון שפּאַניען“ איז אונז פֿערלאָרען געגאַנגען, ווי אַלע איבריגע יודישע ווערק פֿון אַנטאָקאָלסקי. די פּאַרצייטיגע ווילנער און פּעטערבורגער יודען, קינדער פֿון אַ גלות־פֿאָלק האָבען ניט געוואוסט צו שעצען זיינע ווערק, און דאָס וואָס איז געבליעבען אויף אייביג פֿון אַנטאָקאָלסקי׳ן געהערט אַ אַנדער פֿאָלק, אַ אַנדער גייסט.

(ענדע קומט).

## יודישע שטעדט און שטעדטליך.

נאט אייך א האנד — עס איז דאך נאריש, קיין תקיעת־כף וועל איך אייך נישט געבען, נאר אזוי א האנד, אז איהר וועט היינט ביי מיר גאר נישט טרעפען, נאט אייך!

ווען איך וועל מיך אבשטעלען און א פרעג טהון: נו, טרעפט וואס ווייטער וועט זיין, מיט וואס וועט עס זיך ענדיגען? וועט איהר טרעפען אדער גאר נישט, אדער קאפויר!

איהר זאגט אפילו אלע יאהר אין דער הגדה: „כלנו חכמים, כלנו נבונים“, און עס איז אמת: סאמע ענבויר־מוחות, סאמע שפיץ־ביי־שפיץ קעפליך — נאר דאס לעבען פון יודישע שטעדט און שטעדטליך איז קרומער פאר אייך!

אפילו אייערע רבנים, די מאורות הגדולים עם הקטנים, וואס טרעפען אלע רעטענישען אין „הפסנה“ — וועלען בלייבען מיט אפענע מיילער.

איהר וועט זעהן!

---

איך הויב אן פון ווארשוי.

אין מנין פון א ווארשויער צדקה־חברה „לינת־הצדק“ איז געוועזן א הייסער ויכוח...

נאר האפט נישט, מען מוז דערצעהלען כסדר.

„לינת הצדק“ אין ווארשוי איז א שטילע, כמעט בעהאלטענע חברה, פון דעסטוועגען האט זי איהר אייגענעם מנין, און דער מנין האט איין אייגענעם מגיד.

דאס אלץ איז נאך קיין עולה נישט. אפילו נישט דאס, וואס דער מגיד איז איין אנטי־ציוניסט; עס שאדט נישט קיינעם, אפילו דעם מגיד נישט, צו דער פרנסה אודאי נישט!

אפילו דעם גרויסען צדיק וואס פיהרט די גאנצע שווערע מחנה פון רבנים אויף מלחמה געגען ציוניזם, ווייל ער וויל ברייגנען משיח׳ן פאר דער צייט און נישט אויף איין אייזעל, האט עס אויך נישט גע־שאדט?

נישט איהם, נישט זיינע קינדער.

דאס, וואס א געוויסע פערזיכערונגס־געזעלשאפט האט ביי די בני הצדיק צוגענומען די אגענטור און מכריז און מודיע געוועזען אין אלע צייטונגען, אז מען זאל זיי על חשבון החברה מעה־ קיין געלד נישט איינצאהלען, איז געוועזען, ווי אלע ווייסען, מחמת טעותים אין חשבונות, נישט, חלילה, פאר אנטי־ציוניזם; דאס איז נאך אלץ גע־וועזען איידער א רבנישער האהן האט געקרייעט!

א שטיקיל חלול־השם איז עס געוועזען, אבער נישט, חלילה, וועגען אנטי־ציוניזם!

הכלל — דער מגיד פון לינת־הצדק־קלויז איז איין אנטי־ציונסט און עס האט איהם, חלילה, נישט געשאדט, גאר פערקערט, דאס איז אין ווארשויער לינת־הצדק א מעלה; ווארום אין ווארשויער לינת הצדק, אויסער עטליכע יונגע יונגליך, וואס זענען אלע צוזאמען אפשר קוים אזוי אלט ווי דער מגיד, — ווייל קיינער פון ציוניזם ניט ווייסען.

און אט טאקי צווישען די יונגליך מיט׳ן מגיד איז געווארען א ויכוח, פערשטעהט זיך—וועגען ציוניזם...

אנגעהויבען האט דער מגיד: ער האט א הייסע דרשה געהאלטען געגען ציוניזם און אפילו א פיין משל געזאגט.

— משל למה הדבר דומה — האט ער געזאגט — א יוד דארף פאהרען, למשל — צום ביישפיעל — קיין האציפלאץ...

נאך וואס פאהרט א יוד קיין האציפלאץ? א דאגה נאך וואס א יוד דארף פאהרען קיין האציפלאץ!

ער האט א ירושה אבצונעמען — שרפ״ט אלפים א ירושה!

ער האט גאר א מעקלעריי אין האציפלאץ, ער קען נתעשר ווערען!

און אפשר איז ער נאר א געבירטיגער פון האציפלאץ, האט אין קורצען יאהר־צייט און איילט זיך קיין האציפלאץ אויף קבר אבות!

הכלל — ער דארף, ער מוז פאהרען קיין האציפלאץ! עס ציהט איהם ווי מיט צוואנגען קיין האציפלאץ!

נו, וואס טהוט א יוד אז ער דארף, אז ער מוז פאהרען קיין האציפלאץ?

ער טהוט, וואס אלע גלייכע מענשען טהוען:

קיין האציפלאץ געהט א באהן, — געהט אונזער יודיל אין קאסע אריין און קויפט זיך א בילעט קיין האציפלאץ...

פון די, וואס פאהרען אהן בילעטען, רעדט מען נישט; אטו בשופטנא עסקינן!

הכלל ער האט שוין א בילעט, וואס טהוט ער נאך?

גאר נישט! ער דערזעהט א באנק, זעצט ער זיך אנידער אוןווארט.

— סטייטש, ווי זיצט עס א יוד מיט פערלעגטע הענד און ווארט?

— איך ווארט, ענטפערט דער יוד, אויפ׳ן צוג.

קומען וועט ער דער צוג! יעדע מינוט קען ער קומען! נאר נישט מיט א מאל קומט ער: פריהער וועט מען בלאזען, דערנאך וועט ערשט געהען א רויך... דערנאך ערשט — וועט ער קומען!

דערווייל זאגט אונזער יודיל תהלים, צי ער דאווענט, אפשר קוקט ער גאר אין חוק׳ל אריין... אז עס וועט זיך הערען פייפען, וועט ער צוזאמענבינדען דאס פעקיל; אז ער וועט דערזעהן א רויך, וועט ער אויפשטעהען, און אז דער צוג וועט פערפאהרען, „מובטח אני“ — זאגט דער מגיד — אז ער וועט אריינשפרינגען אין וואגאן!

— אזוי — זינגט ווייטער דער מגיד — טהוען פשוט׳ע, עהרלי־כע יודען; יודען מיט אמונה, מיט ישוב הדעת...

— און עס זענען — איז ער מכטיח בנאמנות — קיין קאלטע און חס ושלום, קיין פוילע יודען נישט.

עס ציהט זיי קיין האציפלאץ, ווי מיט אייזערנע צוואנגען ציהט זיי! א שפאס — קבר אבות, א ירושה פון שרפ׳ט, צו גאר איין עסק׳ל — א מעקלעריי נתעשר צו ווערען!

נאר לויפען א קעגען דער באהן, ווייסען זיי. טאר מען נישט!

— ווי איז אבער — פרעגט דער מגיד — דער דין, אז א יודיל, וואס וויל פאהרען קיין האציפלאץ, ווערט, נישט פאר אייך געדאכט, נישט פאר קיין שום יוד געדאכט — משוגע?! הא?

אז דער משוגע׳נער יוד האפט זיך פלוצים ארויף, און לויפט, נישט אבווארטענדיג אויף דער רעכטער צייט, אויף „עת לחננה“ — א קעגען דער באהן?

דער מגיד האלט איין א ווייל און שיסט אויס מיט אמאל:

— נעהרג׳ט ווערט ער, דאס יודיל!

א בענקיל איז ארויס פון שטוב, דערנאך א טיש, דערנאך מלבושים, דערנאך דאס קישען פון אונטער'ן קאפ — דערנאך ערשט, זאגט ער, דער רופא: רופט א דאקטאר!

„טוב שברופאים לגיהונם!" קלאפט אייך אין די שלייפען!

איהר דערמאנט אייך נאך אין גרויס־שטעדטישע רופאים פאק־טוירים, רופאים וואס לאקערן ביי גאסטהייזער אויף ארימע און נארישע פראווינץ־קראנקע. ווי די פאסקע־שפּיעלער, בייטעל אונטערוועדפער... ווי די וועלף אויף פערלוירענע שאף! און די שותפים של עמלק — פון שווינדלער, שארלאטאנען דאקטוירים, וואס טהיילען צווישען זיך און די רופאים דעם ארימען קראנקענס פעל... די יד־אחת־לייט מיט פאלשע קונצען־מאכער־פראפעסאר'ען, וואס מאכען די קרענק אוועק מיט דער לינקער האנד, בשעת ווען די רעכטע גראבעלט אויס דעם לעצטען גראשען פון אונטער'ן קראנקענס קישען... און אין יעדען טראפען בלוט רופט אין אייך: טוב שברופאים לגיהונם!

און אפשר האט איהר קרובים, בעפרייטע פון מיליטער — אויפ'ן בית עולם? אפשר ליגען אייך זייערע אלמנות און יתומים אויפ'ן האלז? וואס האט ער דען געטהון? עטליכע טראפען אין אויג צי אין אויער אריין, עפיס ערגיץ א ביינדיל איבערגעבראכען... אפשר קענט איהר רופאישע הייזער פאר געמאכטע קרענק און פעהלער — — — אפשר האט איהר נאך א קרובה, וואס דער רופא האט זי בעפרייט פון צער־גדול־בנים מיט'ן לעבען צוזאמען?

און איהר קריצט מיט די צייהן: טוב שברופאים לגיהונם...

און איהר פרעהט אייך שוין מיט'ן הייסער־סמאלע־באד, וואס איך וועל מאכען א רופא...

איהר האט אבער נישט געטראפען...

איך האב א רופא אין גן עדן אריין! נישט באלד, חס ושלום; איבער הונדערט־און־צוואנציג יאהר, מיין איך!

געוואהנט האט דער רופא אין נערשאנאווקע (פאדאליער גוב'), אין דער קאלאניע נערשאנאווקע, וואס ליגט אין דערמיט צווישען צוויי באהן־סטאציאנען וואראנאווקע און קאלבאסנע, צו פינף וויערסט פון יעדערער.

אפשר פאהרט איהר מיט יענער באהן האפט אייך, אהין אדער צוריק צו וועגס אראב קיין נערשאנאווקע; איהר וועט, איך בין אייך ערב, קיין חרטה נישט האבען. איהר וועט זעהן א גן־עדן. הייזער באדען זיך אין גרינס — סאמע גארטען. טאמיר פאהרט איהר ערסט א פאר יאהר שפעטער, וועט איהר שוין זעהען א גאנ'ץ פארק!

און אין דעם פארק, אין נערשאנאווקער גן עדן האט דאך ערשט נישט לאנג זיך אריינגעהאפט דער הונגער... אין 1900/1 — ווען בע־סאראביען האט געהונגערט...

פאר בעסאראביען האט זיך געמאכט אין קישעניעוו א קאמיטעט וואס האט געזאמעלט נדבות ביי דער גאנצער יודישער וועלט, און ווי עס איז געהאלפען. נערשאנאווקע ליגט אבער אין פאדאלער גובערניע! קריסטליכע קאלאניסטען האבען ווי עס איז הילף בעקומען פון דער דומע, יודישע קאלאניסטען האבען פון ערגיץ קיין הילף נישט געהאט...

די שפייכלער זענען געשטאנען פוסט, ריין ווי איין אויסגעלעק־טער טעלער, שטיבער זענען געשטאנען טויב־שטום און פערוויסט, מענשען האבען זיך געבויגען ווי דארע־פערשווארצטע שאטענס... נאכ'ן הונגער געהט טיפוס פאר הונגער...

און דא האט זיך בעוויזען דער רופא...

— און האט געהיילט, ממש מחיה־מתים געווען?...

— ווייטער נישט געטראפען, ער האט זיך גאר אויפגעהויבען און איז אוועק קיין קישעניעוו, צום קישעניעווער קאמיטעט, און אזוי לאנג גערעדט און גערעדט, און אזוי פיעל רחמים געבעטען פאר די נערשא־נאווקער קאלאניסטען און געוויינט, ביז — — —

— ביז מען האט געמאכט א נייעם קאמיטעט פאר נערשא־נאווקע...

— ניין, דאס וואלט צו לאנג געדויערט, עס מוז אנשלאגען אין פעטערבורג. ער האט ביי זיי געפועלט, זיי זאלען גערענקען, אז דאס געלד איז פון כל ישראל, פון גאנץ תפוצות ישראל, און די נאהנטע נערשאנאווקע איז נישט שולדיג, אז די פאליציי האט זי פער־רעכענט צו פאדאליען... אז הונגער איז הונגער אין בעסעראביען ווי אין פאדאליען...

און דער קאמיטעט האט ניט געקוקט דערויף, וואס ער איז א קאמיטעט פאר'ן הונגער אין בעסעראביען און האט דורכ'ן רופא גע־שיקט הלואות פאר די יודישע קאלאניסטען אין פאלאדיען!

און דער רופא איז אהיים געקומען מיט געלד, און די קא־לאניסטען האבען איהם אויסגעקליבען, ער זאל צוטהיילען דאס געלד, לויט הונגער, לויט נפשות אין דער פאמיליע...

און דער רופא האט עס געטהון!

— אומזיסט?

— נאר אין גאנצען אומזיסט. אפשר האט ער אין הארץ, ווי לינת־הצדק־לייט גערעכענט אויף עולם הבא, עס קען זיין; „א יודישע קישקע קען מען נישט שאצען", טאקע א רופא, נאר דאס פינטעלע יוד, פארט א נשמה פון בארג סיני, נאר דא אויף דער וועלט האט ער גאר נישט גענומען.

— און דאס האט ווירקליך א רופא, א פראסטע רופא גע־טהון...

— געווים... נאר טאמיר קענט איהר טרעפען, וואס די קאלא־ניסטען האבען געטהון...

— נאכ'ן הונגער א פיינע מתנה געשענקט?

— ניין!

— אויף זיין נאמען א קרן־קימת געמאכט?

— ניין!

— איין אדרעס געשריבען און געשיקט, מיט גאלדענע אותיות אויף פיין פאפיער?

— ניין!

געשענקט איהם איין ארט אין שוהל ביי דער מזרח וואנד? אויף אייביג אוועקגעגעבען אתה־הראית, חתן תורה צי פתיחת נעילה?

— ניין?

— אויפגעהאנגען, ווייל א רופא איז א דייטש, זיין פארטרעט אין „שקאלע"?

— אויך נישט!

— וואס דען צו אל־די־שווארצע יאהר?

— בייזערט אייך נישט און רעדט נישט קיין נבול־פה... איך האב אייך פריהער געזאגט, אז איהר וועט היינט ביי מיר גאר נישט טרעפען...

הערט, וואס די קאלאניסטען אייגענטליך נישט אלע, נאר די, וואס האבען וועניגער הלואות בעקומען, ווי זיי האבען געוואלט, זיי האבען דען רופא געמסר'ט...

— עס איז אפילו אַ שאָד — זאָגט ער שוין מיט אַ ווייכען קול — עס איז אפילו אַ שאָד אַ נפש מישראל — איין אות פון דער תורה הקדושה — נאָר געהרג'ט מוז ער ווערען!

---

איך ווייס נישט, צי איך האָב אייך ריכטיג איבערגעגעבען דעם מגיד'ס רייד. עס פעהלט מיר זיין לשון, נאָך מעהר — עס פעהלט מיר זיין נגון, זיין האַרצעדינער, זינגענדיג־וויינענדיגער נגון, וואָס ציהט זיך און גיסט זיך אין אַ יודיש האַרץ אַריין ווי אַ „שֶׁמֶן זַיִת זָךְ״ — ווי איין אמת כשר'ער בוימעל...

סיי־ווי־סיי אָבער דאָס נמשל שווימט אַ ל י י ן אַרויס:

וואָס איז ארץ ישראל? פרנסה מיט'ן פולען מויל — זעמיל וועלען וואַקסען אויף די בוימער, אפשר אַ מעקלעריי; אַמאָל איז עס געווען צווישען מצרים און בבל, היינט וועט דאָס געשעפט ב ר י י ט ע ר און ג ר ע ס ע ר זיין: אַ פאַקטאָריי צווישען אזיע און איירָאפּאַ! און אַ חוץ דעם—קבר אבות! דאָס איז אפשר גאָר דער עיקר! און אַ באַהן ג ע ה ט, דער צוג מ ו ז קומען!...

און דעם בילעט צו פאָהרען, (פון פאָהרען אָהן בילעטען, פון גלגול מחילות א ו נ ט ע ר די בענק, רעדט מען נישט!) דעם בילעט — דעם זכות אויף דער גאולה — קויפט מען אין גלאַוונע־קאַסע בייַ'ם רבונו של עולם פאַר בּאָרע תּוֹרה, מצוות און מעשים טובים, אָדער אין דער הילפס־קאַסטע, אין דער פיליע בייַ'ם רבי'ן פאַר פדיונות...

נאָר אפילו מען האָט שוין דעם בילעט, מוז מען נאָך א ל ץ וואַרטען!

פריהער „וועט מען בלאָזען״, דאָס איז שופר של משיח!

דערנאָך „וועט זיין אַ רויך!״ בּאַ, מעהר ווי אַ רויך — עס וועט זיין דם וָאש וְתִמרוֹת עָשָׁן, — אַ קל־וָחוֹמר פון מצרים!

אָבער די „ציוניסטען״, וואָס לויפען אַ ק ע ג ע ן דעם צוג — וועלען געהרג'ט ווערען...

אזוי האָט דער מגיד געזאָגט, ער האָט אַרומגעקוקט אויפ'ן עולם מיט נצחון, האָט שוין געוואָלט ענדיגען מיט „וּבא לְציון גואל״ — — און שבת איז געווען, און די לינת־הצדק־לייט וואָלטען רוהיג אַהיים געגאַנגען שלאָפען און וואָלטען איינגעדריקט דאָס רעכטע אויער אין קישען אַריין צו הערען אין שלאָף, אויב מען בלאָזט נאָך נישט... איז אָבער, ווי להכעיס, אַרויפגעשפרונגען איינער פון י ו נ ג ע צ ו ו י ש ע ן ד י י ו נ ג ע, אַ צָעִיר שֶׁבַּצְעִירִים אויף דער בימה, און האָט אַ געשריי געטהון:

— רבותים!

— רבותים, ער האָט אַ טעות, דער מגיד!

און ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ נעגיל פון די פּיס, און דאָס יונגע קול'כיל האָט געקלונגען ווי אַ ניי־זילבערן גלעקיל: ער האָט אַ טעות, דער מגיד!

דאָס ניי־זילבערנע גלעקעלע האָט איין אנדערן נוסח פון דעם אייגענעם משל!

— קיין האַציפלאַץ, — זאָגט ער — געהט טאַקי אַ באַהן — אָבער אונזער יודעלע זיצט נישט אויף דער סטאַציע!

און — וו ע ר סטאַציע, וו ע ן סטאַציע?

„די סטאַציע ווילען מיר ערשט בויען!״

דאָס יודעלע זיצט אין אַ וויסטען מדבר, אונטער די הרי־חשך זיצט ער! צווישען נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים און פּיפּערנאַטערס זיצט ער! עס חלומ'ט זיך איהם נור די באַהן! איין אַלטער חלום, פון וועלכען ער האָט דעם פּתרון פערגעסען; און ער לעגט זיך נאָך שלאָפען, ער לייענט קריאת־שמע, קלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין דעם „על־חטא״! און קוים וועלען זיך איהם די אויגען צומאַכען, וועלען קומען די „ווילקאָלאַקים״, די חיות רעות, די הונגעריגע וועלף און וועלען איהם בייסען, און ער וועט אפילו נישט פיהלען! ער וועט זעהן מיראַזיען (אַ ליטוואַקיל, נעביך!) חלומות... און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער...

און מיר — האָט ער געענדיגט — שרייען טאַקי: לויפט צו דער סטאַציע וָחָיוּ! איהר וועט נ י ש ט געהרג'ט ווערען!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

צווישען דעם מגיד מיט די יונגליך וויל איך מיך נישט אַריינמישען; — וועלכער נוסח עס איז דער ריכטיגער, איז נישט מיין זאַך צו זאָגען. ווען פ ר י י ע אָ ר ט און צ י י ט, וואָלט איך אפשר פאַר אייך אַ ד ר י ט ע ן נוסח, און אפשר גאָר אַ ניי משל געהאַט; אַ גיט, וואָלט איך אייך גאָר אַ ליעדיל געזונגען, איך האָב שוין אַזוי לאַנג נישט געזונגען! נישט אין דעם אָבער געהט עס...

עס געהט אין דעם, אַז אין לינת הצדק איז געוואָרען אַ ויכוח, אַ הייסער ברענענדיגער ויכוח! די לינת־הצדק־לייט זענען אויפגעריהט געוואָרען, דער „שֵׁינָה־בְּשַׁבָּת־תַּעֲנוּג״ איז דעם שבת בטל ומבוטל געוואָרען, — און אפשר אויף ווייטערע שבתים אויך... דאָס, אייגענטליך, שאָדט נישט — מען האָט אפילו איין אסיפה געמאַכט, און דערנאָך — נאָך איין אסיפה, און נאָך איין אסיפה...

פּריוואַט אָבער און טרעפט — וואָס פון די אסיפות איז געבליבען!

— עס איז געבליבען ברידערליך, עס איז געבליבען, יודעליך, אַז „פון היינט אָן, זאָל לינת הצדק קיין קראַנקע אַרימע ציוניסטען, — מעג זיין ו ו י קראַנק און ו ו י אָרים, — קיין לינה נישט שיקען!

מען האָט זיך נוקם געווען אָן קראַנקע!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז מען רעדט פון אַ ברונעס, דערמאָנט מען זיך אָן עמער, וואָס שעפּט פון ברונעם; און אַז מען רעדט פון קראַנקע, קומט אויף די געדאַנקען דער רופא. וואָס ציהט פון דעם חיונה!

שטעלט אייך פאַר אַ רופא. —

און איהר שטעלט אייך פאַר — אַ „טוֹב שֶׁבָּרוֹפְאִים לַגֵיהִנֹּם״ —

און, אויב איהר האָט אייך אַמאָל ביי אַ רופא אַ צאָהן געריסען, דערמאָנט איהר אייך אָן אַ רויטע ברודיגע פאַטשיילע, מיט וועלכער מען האָט אייך, צום דערשטיקט ווערען, דאָס מויל פערשטאָפּט; דעם גרויסען אייזערנעם שליסעל, אַ שטאָל צו עפענען, מיט וועלכען מען האָט אייך אָפּערירט, און עס שרייט אין אייך: טוב שברופאים לגיהונם!

און איהר דערמאָנט אייך נאָך אפשר איין אָרים קראַנקען־בעט...

אַלע 42 אַלטע ווייבער, אַלטע קרובות און אַזוי גבאי'טעס, האָבען מיט אַלערליי סגולות נישט געהאָלפען, צעהן מלמדים האָבען אָבגעשפּראָכען עין־הרע'ס — און די קרענק ריהרט זיך נישט פון אָרט... מען האָט געבראַכט פון „איהם, זאָל לעבען״ קמיעות — די זינד לאָזען די תפלות נישט צו, לעגען זיך אויף דער קמיעא... און דער רופא שטעהט שוין בייַ'ם בעט...

וואָס נעמט ער אין גאַנצען דער רופא? אַ צעהנעריל! נאָר ער קומט 3 און 4 מאָל אין טאָג... ער שמירט, רייבט, קלאַפּט אַריין עטליכע באַנקים, שטעלט אַוועק, עמלכע פּיאַווקיס, אַ שפּאַניש פליגאַלע...

— טעותים אין השבונות?

— דאס איז געווען ביי די בני־הצדיק, נישט ביי׳ם רופא!

— אז ער האט נישט ע ה ר ל י ך געטהיילט, נושא־פנים געווען...

— חס ושלום?

— וואס דען?

— מען האט איהם געמסר׳ט, הערט יורען — מען האט איהם נעמסר׳ט, אז ער פערקויפט שטילערהייט ארצניי־מיטעל! און דאס טאר מען נישט...

— און דאס האט ער האטש געטהון!

-- א פנים — אויך נישט! דאס געריכט, וועניגסטענס, האט איהם אין גאנצען בעפרייט...

זעהט איהר, נ י ש ט געטראפען!

און איך האב נאך, און — סחורה ווי גאלד!

ווארים, אז איך רעד פון רופאים, דערמאן איך מיך אן זייערע שותפים...

אן מאנכע „בעריהמטע" דאקטוירים — איהר קענט זיי אפשר די נאכגעמאכטע פראפעסארען, אויפגעבלאזענע ספעציאליסטען, מיט די שווארצע רעק און גלאנצענדיגע צילינדער מיט ווייסע האנרשוה און קראוואטען אין מיטען דער וואך...

און, אז איך דערמאן מיך אן די יד־אחת לייט מיט די רופאים, וואס שטעהען ה ע כ ע ר און טויזענד־מאל נ י ד ר י ג ע ר פאר די רופאים, דערמאן איך מיך אן מלאך־המות, ביי וועלכען זיי שטעהען אין דיענסט, אן די בית־עלמינ׳ס, וואס זיי פלאנצען!

און פלוצים — אין מיט׳ן רוישענדיגען זירענריגען בית־עלמין לענט זיך מיר אוים א בית־הקברות!

שא, שטיל!

דא און דארט א גרין ציטעריג בוימיל — — —

ווייסע שטיינער, סאמע ווייסע שטיינער, א חוץ עטליכע אלטע, מיט מאך־בעוואקסענע, האלב, דרייפירטעל און גאנץ איינגעזונקענע.

שא — צדיקים שלאפען, מורינו׳ס, מורה־מורינו׳ס און מורה־מורה־מורינו׳ס...

סאמע צדיקים, סאמע נדיבים, — תורה, הכמה וגדולה במקום אחד — אין דער ערד!

טייערע מענער, טהייערע ווייבער, ברילאנטענע קינדער!

ווייסע נשמות ווי די ווייסע שטיינער, גאלדענע הערצער ווי די גאלדענע אותיות, און טיעפע, טיעפע נשמות, ווי די איינגעזונקענע מצבות...

שטיל, לאזט זיי שלאפען!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

נאר טאמיר ווייסט איהר, ווען אין טאלאצין, למשל, אין טאלאצין, מינסקער גובערניע, ווער עס געהט דארט אממעהרסט אויף קבר־אבות?

— טאלאצין — זאגט איהר — איז בעריהמט מיט איהר טיעפער בלאטע, מען קען, אויסער אין די גרויסע פרעסט ווינטער, אדער תמוז אין די גרעסטע היצען אין שענעם העלען טאג אין מיט׳ן גאס דערטרונקען ווערען...

מן־הסתם — שטויסט איהר אייך דעריבער — געהען אויף קבר־אבות, נור די נאהנטסטע שכנים...

נישט געטראפען! אז מען האלט ביי קבר־אבות, איז בלאטע—בלאטע! א פוס ארויס, א פוס אריין און מען שפרייצט! הלמאי, אז מען זעהט פון דערווייטענס א בליך פון א קופערנער קאפיקע?!

— כלי־קדש אין לאנגע שטיוועל —

אויך נישט; די געהען בארוויס!

— אהא! דער גבאי!

איהר האט געהערט, אז אין טאלאצין איז פארהאן א בעריהמטער גבאי, א צוויי איילענדיג יודעלע מיט א שפאן און א פאר גרויסע שפאקולען...

אבער גאר לא, און דוקא מיט א ספארעק!

דער גבאי, פערשטעהט איהר מיך, האלט איין אפטהייק; א קליין יודעלע און א גרויסע אפטהייק! אויפ׳ן ווייבס נאמען האלט ער זי, די אפטהייק... נויש לייענען אבער קען ער נישט. נישט ער, נישט זוגתו הצנועה... טרעפען זיך אוודאי טעותים... נישט אין חשבונות חלילה, מישט מיר ווייטער נישט אריין די בני־הצדיק שיחיו, נאר אין די רעצעפטען...

און דער גבאי ציטערט פאר׳ן בית־עולם... וואו דער פעפער וואקסט אנטלויפט ער פאר ן בית־הקברות...

ווארום, וואס טהוט אזא קליין יודעלע פון צוויי איילען און צוויי שפאן מיט א פאר גרויסע שפאקול׳ען, אז א מצבה גיט זיך ראפטום א דוק אוועק און פון דער הייליגער ערד ברעכט ארויס און בעווייזט זיך א ביינעריגער גולם מיט אויסגעהוילטע אויגען און פון א אויסגעפוילט לאך, במקום א מויל, שרייט פלוצים ארויס: רוצח!

ניין, דער גבאי געהט נישט אויף קבר אבות...

-- הכלל ווער דען? אזוי פרומע יודענעס, גבאי׳טעס, קברים־מעסטערינס, ליכטליך־ציהערינס, אל־מלא־רחמים מאכערינס, שוהל־און־ארון־קודש איינרייסערינס...

— ניין, ברידערליך! הוא אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי — איהר וועט הייגט ביי מיר גאר נישט טרעפען!

חזירים, ברידערליך, געהען אויף קבר־אבות, בהמות, יודעליך, געהען...

אהן א צוים איז דאס טאלאצינער בית־עלמין, אהן א צוים!

---

און אפשר וועט איהר האטש טרעפען, פאר וואס קראנקע עסען אין ראדאמישל פון א געוויסער צייט היהנער־פלייש נישט?

איך רעד נישט פון ארימע קראנקע, די האבען אויף קיין היהנער נישט, דאס זענען דעם בעל־טאקסע׳ס פאראבקעס און מוזען יוצא זיי מיט ביינער פון רינד־פלייש, — איך מיין רייכע חליים!

עס פעהלען קיין היהנער נישט, קיין שוחטים, בפרט עופות־שוחטים אוודאי נישט!

נאר ווייסט איהר, וואס עס פעהלט?

עס פעהלט איין ארט, וו א ו עופות צו קוילען!

ביים אויסקלויבען איין ארט וואו עופות צו קוילען, האט א דעה צו זאגען דער בעל־טאקסע, יאגט ער זיך נישט מיט ן אויסקלויבען! זאלען זיי דערווייל רינד־פלייש־ביינער לעקען!

און ווייסט איהר, פאר וואס אדעם שטעהט אהן א רב?

מען קען קיין קלפי נישט מאכען...

עס פעהלט נישט, חס ושלום, קיין וועהלער... א דעה צו זאגען, ווען אפילו נור אויף א רב, איז א שטיקל נחת; אמאל לעקט מען

גאך א ביין, א ביסיל משקה חאפט מען אוודאי... רבנים, מיט אפעטיט אויף אדעם פעהלט אוודאי נישט...

וואס דען ?

דער דומע פעהלט איין ארט, וואו די קלפי צו מאכען !

---

און אפשר וועט איהר חאטש טרעפען, וואו די כשר׳סטע יודישע פאבריק איז ?

אין פוילישען ראדזימין איז זי !

— ווער האט זי פערלעגט ?

דער רבי, זאל לעבען און געזונד זיין, אליין !

— וואס ארבייט אויס די פאבריק ?

בייטעליך ארבייט זי אויס; בייטעליך צו קמיעות... מען רעכענט נאך איבערצוגעהען אויף בייטעליך צו ארץ־ישראל ערד...

— ווער ארבייט אין פאבריק ?

משוגעים ארבייטען, משוגעים וואס קומען זיך צום רבי׳ן קורירען !

---

און צולעצט נאך איינס, נאך א קליינע רעטעניש ! אייגענטליך נור א פירוש אויף א לשון־קדש ווארט !

דער נייער, צוויי־אונ־צוואנציג־יאהריגער טריסקער רבי, ר׳ יעקב ליבעלע, זיין זכות זאל אינז כיישטעהען, פאהרט ארום אויף דער וועלט, דערווייל אין לובלינער גובערניע.

געקומען קיין סווערזש — נעהאפט א פינפציגער !

אריבערגעהאפט זיך קיין רודא־אפאלין, נישט וויט פון סווערזש — איינגעשלונגען א פינף־און־צוואנציגער !

וואו ער איז פריהער געווען, וואו ער וועט שפעטער זיין, וועט אמאל די היסטאריע ערצעהלען...

נאר ביים געזעגענען אין רודא־אפאלין האבען די חסירים געבעטען דעם רבין א נדבה פאר נשרפים.

און ער האט נעגעבען... גאנצע דרייסיג קאפיקעס !

א ברייט הארץ האט ר׳ יעקב ליבעלע !

נאר טאמיר טרעפט איהר, וועלכע נשרפים מען האט געמיינט ?

איהר טרעפט: באברויסק, דזיאלאשיין... איהר רעכענט אויס א גאנצען אלף־בית פון נשרפים־שטעדט און — איהר האט נישט געטראפען !

פערשטאפטע מוחות זייט איהר ! מתנגדים זייט איהר, אפשר נאר ציוניסטען :

ביי אייך איז פרעה — פרעה, המין — חמין, זמרי־בן־סלוא — זמרי־בן־סלוא ?

ביי אונז חסידים איז פ־עה דער יצר־הרע, חמין — די קליפה, זמרי־בן־סלוא א צדיק בן צדיק ! און נשרפים זענען — ברענענדיגע חסידים מיט טרוקענע העלזער, וואס לעכצען נאך תקון ! נאך א ביסעלע י״ש !

פאר זיי האט ר׳ יעקב ליבעלע איבערגעלאזט דרייסיג קאפיקעס.

א ברייט הארץ האט ער, ר׳ יעקב ליבעלע !

זיין זכות זאל אונז ביישטעהן אין דער מדבר, אונטער די הריחשך, צווישען פיפערנאטערס און חיות־רעות מיט די „מיראזשען“, מיט די ווילקאלאקים און חיות רעות !

די ביהן.

---

# די יודישע וועלט.

## פאלקאווניק גאלדסמיט׳ס רעדע.

מאנטאג דעם 7 יולי האט דער „מאקאבעער קלוב“, דער פארנעהמסטער יודישער קלוב אין לאנדאן געפייערט זיין צעהניעהריגען בעשטאנד. געפיהרט די פערזאמלונג האט דער נייער פרעזידענט פון קלוב, פאלקאווניק גאלדסמיט, וועלכער איז נישט לאנג צוריקגעקומען פון דער מלחמה אין אפריקא. 120 פערזאן האבען אנטייל גענומען אין דעם יום טוב, צווישען זיי אויך פיעל מיטגליעדער און געסט פון דער פרעמד, ווי פאלקאווניק הארריס, פראפ׳ גאלאנץ, פראפ׳ גאטהייל אויס ניו־יארק, פראפ׳ פיליפזאהן, ישראל זאנגוויל און אנדערע.

נאכדעם ווי מען האט געטרונקען לחיים לכבוד דעם ענגלישען קעניג און לכבוד דעם קלוב, האט דער פאלקאווניק גאלדסמיט געהאלטען פאלגענדע רעדע:

פאר 10 יאהרען האט הערר אסוואלד דושאן סימאן אויפגעגעבען דעם געדאנק, צו גרינדען א קלוב, וואס זיין צוועק זאל זיין צו פעראייניגען די ענגליש־יודישע אינטעליגענץ, וועלכע זאל זיך צוזאמענקומען אין איין ארט און שמועסען מכח ענינים, וואס זענען נוגע אונזער פאלק און ארבייטען צוזאמען לטובה פון דעם כלל.

דער געדאנק איז באלד אנגענומען געווארען. דער נאמען „מאקאבעער“ איז אויסגעקליבען געווארען לזכר פון אונזער אמאליגער ישועה דורך די מאקאבעער, און אין דער האפנונג, אז דער ביישפיעל פון אונזערע אמאליגע גבורים וועט אונז מעורר זיין צו ווירקען ווי ווייט מעגליך פאר אונזער פאלק. די ערשטע 10 יאהר פון אונזער בעשטאנד, אונטער דער פרעזידענטשאפט פון דעם גרויסען קינסטלער ה׳ סאלאמאנס, זענען ניט אוועק אומזיסט. עס איז נישטא קיין איין פראגע, וואס האט נור א שייכות צו אונזער פאלק, וועלכע איז נישט בעקלערט און בעשפראכען געווארען; פערשיעדענע מיינונגען זענען געווארען ארויסגעזאגט, ווייל אונזער קלוב נעמט אריין אין זיך אלע כתות פון אונזער פאלק, פון דעם פרומסטען יודען ביז צום ווייטעסטען פריידענקער, פון דעם הייסיסטען ציוניסט ביז צום ברענענדינען אסימילאטאר.

דער פרייער אויסדרוק פון אונזערע געדאנקען האט געפיהרט נור צו נוטען, נישט צו שלעכטען. דורך דעם וואס מיר האבען זיך געוועהנט צו אכטען יעדע עהרליכע מיינונג און יעדען עהרליכען ווילען צו טהון גוטעס פאר אונזער פאלק, אויך אין פאל ווען מיר אליין זענען נישט מסכים צו זיי, האבען מיר זיך אויסגעלערנט צו קריטיקירען אונזערע אייגענע מיינונגען אונדערפון האבען געצויגען נוצען נישט נור די חברים פון אונזער קלוב, נאר אויך אלע ענגלישע יודען, וועלכע האבען געלייענט דעם דין וחשבון פון אונזערע פערזאמלונגען און ויכוחים.

פינסטערע וואלקענס ציהען זיך אלץ מעהר צוזאמען איבער אונזער פאלק. אין פיעל לענדער איז דער אנטיסעמיטיזם אויפגעשטאנען אונזער פאלק אויסצוראטען. נישט האבענדיג דאס רעכט צו פערנעהמען זיך מיט פיעל עהרליכע בעשעפטיגונגען און צו ערציעהען זיינע קינדער לויט זיין פערלאנג און מוזענדיג אמאל זוכען זיין ברויט אויף א וועניגער עהרליכען וועג, געהט אונזער פאלק צו גרונד, אי קערפערליך, אי מאראליש. די צרות וואקסען מיט יעדען טאג מעהר און גראבען אונטער די לעבענסקראפט פון אונזער פאלק.

איך האלט, אז די גרעסטע זאך, וועלכע די מאקאבעער קענען איצט טהון פאר אונזער פאלק, איז אנצווועגדען אלע מיטלען, כדי צוזאמען צורופען איין אסיפה פון אלע גרעסטע יודישע קהלות, חברות און פעראיינען, און צו בעקלערען אויף וואס פאר איין אופן צו פערבעסערען דעם שטאנד פון אונזער פאלק.

די פעהלער, וועלכע מען האט געמאכט ביז אהער אין דער יודישער קאלאניזאציע, וועלען פאר אונז זעהר ניצליך זיין: מיר וועלען איצט וויסען ווי זיך צו היטען פאר זיי. ווען די קאלאניזאציע וועט ווייטער געפיהרט ווערען אויף א געשעפטליכען יסוד און אין פרייע לענדער, וועט זי ברענגען צו א בעסערען צוועק ווי די קאלאניזאציע, וואס איז געבויט אויף שטיצע און נדבות.

דיזינסקע געריכטע 1740-1772". די צווייטע פרעמיע האט בעקומען דר. משה שארר פאר זיינע: "מאטעריאלען צו דער געשיכטע פון יודען אין פוילען". יוסף בוזקא ווידער איז אויסגעדריקט געווארען דער דאנק פאר זיין ארבייט: "דער איינפלוס פון דער יודישער פאליטיק אין עסטרייך אין 1775-1778 אויף פערגרעסערונג פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען". די פרעמיען זענען בעשטימט געווארען פון דער פילאזאפישער פאקולטעט פון לעמבערגער אוניווערזיטעט.

---

# דער לעצטער וואונש.

א חשון׳דינער טאג. א שטרענגער קאלטער ווינד בלאזט דורך די לייכטע בגדים און שניידט ווי מיט מעסערס. ביים טייך, וואס בייזערט זיך און פאטשט דעם ברעג מיט זיינע שווארץ-גרויע ווענען שטעהען ווייבער און וואשען און קלאפען אייגענע און פרעמדע גרעט. און בעת די הענד מיט אויפגעשוואלענע בלויע אדערען נעצען, ווייקען, קלאפען און פאטשען, טרייבען די מיילער מיט די בלויע ליפען רכילות, קלאגען זיך אויף זייערע פינסטערע בידנע "מערכות".

צווישען די ווייבער שטעהט טיעף איינגעבויגען א אלטע יודענע. זי וויל פארטיג ווערען צוזאמען מיט די איבריגע יונגע ווייבליך. זי ארבייט איבער די כחות, אקוראט ווי א אימפעט וואלט זי געטראגען. אלע ווייילע פאלט איהר דאס גרעט ארויס פון די הענד. זי טראגט צו די דארע אויסגעפרארענע הענד צו די ליפען, בעהויכט זיי מיט דער פארע פון מויל און נעמט זיך ווייטער צו דער ארבייט.

— אט דאס איז אהן עין-הרע א גבורה — וואונדערט זיך א יונג ווייביל, אנווייזענדיג פון דער ווייטען אויף די אלטיטשקע — "שוין א יודענע אהן עין-הרע איבער זיבעציג און ווי זי הארעוועט דאס נאך! אט גאר ווי א יונג ווייבעלע אקוראט נאך דער חתונה."

— וואס גלייכט איהר פארצייטיגע דורות צו היינטיגע — גלייכט אויס דעם רוקען א צווייטע און שטעלט די הענד אריין אין די באקעס — "וואו זעהט מען דאס נאר היינט א מענשען אין אזעטיגע יאהרען!..."

צי איז די אלטיטשקע אביסיל שווערליך אויף דער שמיעה, אדער צי זי מאכט זיך גלאט ניט הערענדיג, זי ווייקט און קלאפט נאך אליין דאס ביסעלע וועש.

שוין, דאכט זיך, גענוג ווייס, קלערט זי ביי זיך, שוין, דאכט זיך, גאנץ יוצא. עס איז שוין טאקי גוט קאלט... די וואסער פערגעהט אונטער די נעגיל... וואס זאל מען אבער טהון... די חושכ׳דיגע בעל-הבית-טעס... טאמער חלילה א שפרענקעלע, גיבען זיי גאר אוועק די גוי׳ה וואשען — זי מאכט דאס קלאר ווי "האלבאסטער" — שווארץ יאהר, ווער קען זיך דאס גלייכען צו זיי... זיי האבען טאקי די גוטע כחות...

— ננא... דאס לעצטע מאל וועט איהם שוין דאס זיין... ברומט זיך איין יודענע אונטער׳ן נאז, — דאס לעצטע מאל וועט איהם שוין זיין, ווען איך וועל איהם געהן איינער אליין גרעט וואשען, — וואשען זאל מען איהם שוין טאקי, רבונו של עולם, אויפ׳ן טהרה-ברעט! — אין אזוינע קעלטען און נאך אין די חדשים... אנ׳אנדערער וואלט דאך ניט לאזען א אשה אין די טעג טהון וואס דער האר איז ווערט — און איהם ארט דאס ווי די קא׳ן...

— נישטא קיין גוטס... רופט זיך אב די אנדערע, — אלע איין שווארץ יאהר... מעהר ניט הארעווע פאר זיי און רייס קריעה...

— יא... — האט זיך די אלטיטשקע דערמאנט — אזא שטיק גאלד ווי ער, עליו-השלום, איז געווען, איז טאקי נישטא. פאר איהם, עליו-השלום, האט זי דאס נישט בעדארפט; אפילו א שטרוי פון דער ערד פלעגט ער איהר נישט לאזען אויפהויבען... און ווער רעדט נאך וואשען פאר פרעמדע... ווען ער וואלט דאס וויסען!

און דאס קעלט דרויסען שטארקט זיך, דאס וואסער ווערט ווי מיט א הויט אריבערגעצויגען. נאר די אלטיטשקע האט נאך איהר ארבייט נישט געענדיגט. אויך די איבריגע ווייבער שטעהען נאך און קלאפען און פאטשען און פון זייערע מיילער שיטען זיך ביטערע ווערטער אויף זייער ארים לעבען.

— או—ף, קאלט! קאלט! — זאגט איינע גאר ווי מיט א מין צופריעדענהייט.

— קאלט, קאלט... ענטפערט אויך די אלטיטשקע.

— זי האט דאס אויך געדארפט זעהר נויטהיג, רופט זיך אב איינע און ווייזט אויף די אלטע, — געזעסען בשלום ובשלוה ביי די קינדער אין אמעריקא און נעגעסען, — פון פויגעלמילך האט איהר דארטען נישט געפעהלט, — האט זי געדארפט קומען צוריק און אויסגעריסען ווערען אויף דער עלטער.

— עט, מיינט איהר, עס איז אין דער אמת׳ן אזא נחת צו זיצען ביי קינדער און עסען, — רופט זיך אב אנ׳אנדערע אויסדרעהענדיג א קינד׳ס א ווינדעלע, — אויף מיינע שונאים געזאגט געווארען. און בפרט נאך דארטען אין אמעריקא, ביי די גוים, די חזיר-פרעסער...

די לעצטע ווערטער האט אויך די אלטיטשקע דערהערט, און האט, משמעות, פערשטאנען וועמען מע מיינט. זי האט א טיעפען זיפ׳ץ געטהון, אבער זי האט זיך באלד ווי געטרייסט: "חזיר-פרעסער"... האט זי זיך געקלערט, — ניין!.. אזוי לאנג זאלען נאך איהרע שונאים קרייינקען, ווי לאנג איהרע קינדער עסען נאך דארטען פון דעסטוועגען קיין חזיר ניט. זי איז דאך ביי זיי אבגעוועזען וויפיעל וואכען, האט זי דאך געזעהן. זיי פיהרען זיך גלאט נישט יודישליך אויף, אבער חזיר עסען — חלילה! וואס זאל מען, בעונותינו הרבים, טהון, אז דארטען איז שוין אזא הושכ׳דיג לאנד; אז גאט איז דארטען קיין גאט ניט און יודען קיין יודען ניט... "אז איך ארבייט נישט, מאמינקע, איין טאג,—פלעגט זיך איהר זוהן חכמה׳נען דארטען, — שיקט מיר גאט ניט צו פון הימעל"... און האט זי זיי דען געקענט זאגען א דעה? ניין, זי האט דארטען בשום אופן ניט געקאנט לייגער זיין, בשום אופן! איהרע אויגען האבען דאס ניט געקענט אלעס צוזעהן... עס איז געקומען דער ערשטער שבת — גארנישט... מען שטעהט זיך אויף, מען מאכט פייער און מען זעצט זיך גלייך עסען... זי איז שיער נישט אויפגעשפרונגען פון ארט. און האט זי געזאלט נעהמען זיי זאגען מוסר? איינוויייזען זיי, ווי זיי זאלען זיך פיהרען, ווען זי איז ביי זיי אין גאנצען, ווי מען זאגט, אויף "געגנאדענ-ברויט?" — אוי, עס איז איהר געווען שלעכט צו רעדען, שלעכט צו שווייגען!...

נאר דאס וואלט שוין אפשר אלעס רעכט געווארען. — האט זי זיך אבער דערמאנט אן דעם דארטיגען שטארבען!... אנ׳אימה געהט איהר אריבער איבער׳ן לייב, אז זי דערמאנט זיך איצט אן דעם... מען לעגט גאר אריין דארטען, זאגט מען, אין א "טרונע", אזוי ווי ביי די גוים און מע האלט גאנצע דריי טעג אהן קבורה, גאנצע דריי טעג... דאס איז דאך שוין עפיס שרעקליך, אימה׳דיג... ליגען גלאט אזוי דריי טעג אהן קבורה... ווי איז עס עפיס דאמאלס בשעת מעשה!...

א ציטער געהט דורך איהר דורכ׳ן אלטען לייב.

ניין, האט זי זיך דאמאלס געזאגט, — בעסער הארעווען דא ביז דער לעצטער מינוט, בעסער ארויסגעצויגען ווערען אין נעבערנטע ליידען

פון אלערליי בעל־הבית׳טעס, איידער צו שטארבען דארטען, אין אמע־ריקא, אין דעם טריפה׳נעם לאנד, וואו אלץ, אפילו די שטיינער פון דער גאס זענען טריפה ווי חזיר...

און דערמאהנענדיג זיך פון וואס פאר א סכנה זי איז ניצול גע־ווארען, איז איהר געווארען לייכט און פריי אויפ׳ן הארצען. זי האט ארויפגעלעגט די שווערע גרעט אויפ׳ן פלייצע, און די משא האט איהר געשיינט עפיס גרינגער און די קעלט און דאס פוילע וועטער עפיס לייכטער צו דערטראגען. אוועקגעהענדיג האט זי נאך אליין געטראכט, וואס פאר א נחת עס איז צו שטארבען אט דא, אין דער אייגענער שטאדט, צווישען דער אייגענער משפחה, ניט ווייט פון אייגענעם מאן, און וואו מען נעמט צו טאקע גלייך, אט ווי נאר מען מאכטצו די אויגען...

* * *

מיט די לעצטע כחות האט זיך די אלטיטשקע דערשלעפט ביז צו דער שטוב פון איהר בעל־הבית׳טע. זי איז אריין אין א נידריגען, פייכטען קאמער, וואס איז געווען פול אנגעהאנגען מיט איהרע נעכטען געוואשענע וועש. זי האט אראבגענומען דאס פעקיל פון די פלייצעס און האט זיך צונעזעצט אויף א שמאלען הילצערנעם ביינקיל. דא האט שוין אויף איהר געווארט א גראבע און א ברייטע יודינע, מיט א בייזען אויפגערעגטען פנים.

— קוים דערווארט זיך אויף אייך, — איז זי ארויסגעפאלען אויף די פערמאטערטע וועשערין מיט א בייז מויל, — איך שטעה ווי אויף שפילקעס און ווארט שוין דא אפשר דריי שעה! — סטייטש איהר האט דאך מיר די גאנצע וועש איבערגעפיהרט, עס פעהלט דאך מיר פון דער נעכטיגע וועש, א טייער העמד. וואס זאל איך איצט אנהויבען צו טהון? — א שפאגעל נייע העמד נענומען און גע׳פטר׳ט — איצט איז דאך מיר איבערגעפיהרט געווארען דער גאנצער טוך!...

— שא, נעבע, לאזט אקארסט, — האט זיך די אלטע גענומען בעטען, זעהענדיג אז דא איז שוין א „ויהי", — מע דארף אקארסט נאך זעהן; מע וועט נאך אפשר אבזוכען, — און אז ניט וועל איך, חלילה, אויך אייער עולה נישט פערלאנגען... איהר ווייסט דאך ווי אלע מאל...

— יא... א שפאס איז דאס — זי וועט מיין עולה ניט פער־לאנגען! וועט מיר אבקומען ווי אלע מאל מיט „חלי, באלי, ומפליא לעשות"... א קלייניגקייט...

די אלטע איז נעביך גענועסען מיט א אראבגעלאזענעם קאפ. חושכ׳דיגע יאהרען... האט זי זיך ווי געבייזערט אויף זיך אליין, — אז די אויגען, בעונותינו הרבים, דיענען שוין ניט... איך בין שוין טאקי נאר קיין מענש ניט... אבער וואס׳זשע מאכט מען דא איצטער. זי וואלט זיך שוין פרעהען, אז זי וואלט אבקומען מיט איהר גלייך אויף גלייך... שוין א קאפיקע ניט בעקומען פאר די הארעוואניע, נאר עס זאל רעכט ווערען...

— עס וועט זיך נאך אפשר געפינען, זוכט די אלטיטשקע צו בערוהיגען די בעל־הבית׳טע, אפשר האט מען פערביטען? איך וועל זיך נאכפרעגען... און אויב ניט בין איך נאך ב״ה א מענש מיט כחות, איך טוינ נאך צו וואס.

— א שפאס... גליקליך וועל איך ווערען, אז זי וועט מיר דער־פאר אבארבייטען... פאר א נאנצען טוין העמדער וועט זי מיר אב־ארבייטען.

— עס פעהלט דאך אבער נור א י י נ ע ס, — האט זיך די אלטע געבעטען, קוים האלטענדיג זיך אויפ׳ן צובראכענעם ביינקיל.

— אבער דערווייל איז דאך מיר איבערגעפיהרט די גאנצע וועש...

— טא וואס׳זשע ווילט איהר? — בעט זיך די אלטע רחמים.

די בעל־הבית׳טע אבער האט זיך ניט בערוהיגט און ניט אויפ־געהערט צו פילדערן און צו לארמען; זי איז זיך פונאנדער אויף אלע כלים.

— אוי, זעהט, לאזט מיר... נאר איין ווייליגקע... נאר איין קליינע ווייליע... עס איז שוין גוט... אלעס גוט... זייט מיר מוחל... מוחל... נאר נישט ליגען... דריי טעג... נישט אין דעם טרפה׳נעם לאנד... — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — און יעצט איז שוין די בייזע בעל־הבית׳טע ווייטער גוט גע־ווארען און האט שוין מעהר ניט געמאהנט. זי האט שוין נישט געהאט ביי וועמען... וועט איהר דען פערדריסען אזא גארנישט, בשעת עס האנדעלט זיך אום א מענשענס לעבען. א׳נ׳עהרליכע יודינע איז זי געווען, די וועשערקע עליה השלום, — דאס האט זי נאכהער אויך מודה גע־ווען. אז זי פלעגט אמאל וואס פערווארפען, פלעגט זי נעביך אלע מאל אבוואשען און אברעכענען ביז׳ן לעצטען גראשען. א שאד! זי פלעגט טאקי רעכנען ביליגער אויך...

און זי האט טאקי געהאט גליק אויך. ווען ניט ער טאקי, דער בעל־הבית׳טעס מאן גופא, וואלט מען איהר אפשר, חלילה, געפאלמעסט אויך, דען זי איז גאר נישט לאנג געלעגען קראנק...

ביי דער אלטער האט מען טאקי געפונען אלעס אנגעגרייט: תכריכים, קבורה־געלד און אפילו ארץ־ישראל ערד אויך, איינגעוויקעלט אין א זעקעלע. מען האט איהר טאקי נישט לאנג געהאלטען און מקבר געווען דעם זעלבען טאג. בשעת דער קבורה האט דאס געזיכט פון דער אלטער אזוי ווי געשמייכעלט: עס איז מקוים געווארען איהר לעצטער און איינציגער וואונש.

א. מ. גאנצאר.

---

# נ ד ב ו ת:

## פיר דעם יודישען נאציאנאל־פאנד

| (דורך דער אדמיניסטראציאן „דער יוד", קראקוי). | ק׳, ר׳. |
| --- | --- |
| ע״י האגודה הציונית „זרובבל" בדווינסק: בערב שהטיף החבר ה׳ סווערדשאוו לציון נאסף 6,40 ר׳; על חתונותיהם של ה׳ ועלינמאן ושל ה׳ לובאוויץ נאסף 3,43; תלמידי בי״ס העירוני ביום שנמרו את חק. למודם אספו ביניהם 0,86. בס״ה | 10 69 |
| מאת המטיף ה׳ אברהם העלמאן מרומניה מה שנאסף בקאלאסאש על ידו וע״י ה״ה בערנשטיין ומשרת | 7 50 |
| ע״י ה׳ נעסעלעוו מה שנאסף על חתונת מ׳ ווערשקאוו בגולאייפ. | 5 — |
| על התונת בתיה זעלינמאן אספו ה״ה קאפלאן ודאברין | 2 — |
| על ב״מ בבית ה׳ סולאטקי נאסף מאת ה״ה סולאטקי, זעלדעס, בעלילאווסקי, קיפער, שטיוועלמאן, ראשקאווין, קאצאפ, צינבערג וקאנדראר | 2 — |
| על שמחת ב״מ בבית השו״ב נאסף ע״י מר זאמעליאן מאת ה״ה זאמעליאן, דורבאק, שו״ב, קאראל וציטראן | 1 21 |
| הש״ץ בעד תפלת הערבית אצל חברה ציונית בדווינסק | 1 35 |
| העלמות צירה, שושנה ואסתר לבית גליקסאן זכו בהתערבות | 1 50 |
| ה״ה רעטקאנסקי, שפריטץ, נעליבטער, סטשופאק, כהן, שפילעווסקי, לאקס, פאצטער, יאנישעוויטש, ראטבערג, העניגמאן, אפפעל, ראזענבלאט וקאמיסארטשיק מברכים את ה׳ גבריאל אלטבעקער לחתונתו עב״נ ברכה ווינטער, ומנדבים | 1 32 |
| צבי גרשון נאימא מברך את א״צ ראשקעס לחתונתו | 30 |
| דמי־פסק מבוררות בין השותפים שמואל יעקב בודקא מענדל קליאפמאן בדראבין | 1 — |
| | 33 87 |

בס״ה 18 476 רו״כ; 26 55 קראנען.

Verlag „Achiasaf". Verantwortlicher Redacteur M. Berkowicz. Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer Krakau.

אין ענגלאנד איז צו אַבאָנירען דעם „יוד“ און „די יודישע פאמיליע“ אויך אַלע אויסגאבען „אחיאסף“ ביי: R. Mazin & Co. London 59 Old Montague str. 59

## נ ד ב ו ת.

פיר די ארבייטער אין ארץ־ישראל:

ה׳ משה גרינבערג לאדז ביום כלולת מר אברהם אלטר עב״ג מ׳ בתיה באָרנשטיין אסף לאות ברכה מאת החתן 50 ק׳; מאת ה״ה לעווקאָוויטש, שרה רבקה גיפס, אסתר יוטא כהנשמאַם, גרינבערג, דרייהאָרן, הכלה ועוד 20 2 ר׳.

---

## בריעפקאסטען דער אדמיניסטראציאָן.

ה׳ ל. מאכ־ר ניעסוויז: איהר האט געשיקט 50 ק׳ צופיעל.

נו׳ 5058 — מעדוויעד: אייער נדבה 2,30 איז געדרוקט אין „יוד“ נו׳ 25 אונטער דעם נאָמען פון המ״ד כהן.

נו׳ 5792 — יאסענאוואָ: מיר האבען ויכער געשיקט. ביטע 30 ק׳ וועלען מיר אייך שיקען דאס העפט.

נו׳ 5665 — מאקאראוו: די ערשטע 24 נומערן פון דער צייטונג, וועלכע איהר פרעגט אָן, וועלען אייך קאָסטען 1,75 ר׳ מיט פאָרטא.

ה׳ י. מ—ת קאלאראש: פון אייך קומט נאָך ביז ענדע יאהר 2 ר׳; איינציגע נומערן שיקען מיר נישט פער נאכנאהמע. שיקט פיר יעדע נו׳ וואָס איהר פאָדערט צו 10 ק׳ און שרייבט נאָך אמאָל געגוי אַלע נומערן.

נו׳ 6188 — צעצעלניק: ביטע דאס 4־טע העפט צוריקצושיקען; דאס בוך, וועלכעס איהר האָט נעפאָדערט בעטרעפט 30 ק׳ אויסער פאָרטא.

נו׳ 2802 — פעטראוווסק: ביז ענדע יאָהר האָט איהר נאָך צוצושיקען 1,50 ר׳; די „בלוטיגע אינקוויזיציע“ קאָסט 30 ק׳, ביטע צוצושיקען; און ווייטער וועגען דעם אפאראט „צו מאַכען עסענציעס פון פירות אָדער פון יאַנאָדעס“ ווייסען מיר אייך נישט צו ענטפערן.

ה׳ ש. ל. מ. — חאָלם: דער דריטער באַנד אליין איז נישט צו־פערקויפען; דריטע און פיערטע באַנד צוזאמען קאָסט 1 רו״כ.

ה׳ ח. מ. — דושורין: אומזיסט קוקט איהר ארוים אויף ענטפער, וויל מיר האבען נישט אזעלכע ביכער וואָס זאָלען שרייבען „וועגען די זאַכון אלעקטרע מיט מאַגנעט וואָס מען קאָן מיט זעהר קראפט מאַכון און ווי אזוי זיי ווערען געמאַכט די ליקטריטשעסקע אַלעין. פון א וואָסערע סאסטאווען און וויפיעל עס איז דאָ מינים אלעסטעריע“... אפשר וועט נאָך אמאָל די זשארגאָנישע ליטעראַטור אזעלכע ביכער אויך בעזיטצען...

ה׳ מ. ק. — סלופק: אַ דאנק פאַר אַ הבטחה.

ה׳ ש. וו.—ווישניעוועץ: די לידער „אויד לוא אהוודא תיקוואסעיני“ ניבען זיך נישט צו צום „יוד“ אומזיסט; איהר קאָנט דאס קריגען פאַר׳ן כשר׳ן גראָשען צו קויפען; דאָס קאָסט 35 קאָפּ.

---


## א סורפּריז פיר דאמען!



די נייערפונדענע מאשינקע „האפּטאגראף“ פאטענט נו׳ 1412 צום ארטיסטישען העפטען. דאס צוואנציגסטע יאהרהונדערט, וועלכעס איז אזוי רייך מיט ערפינדונגען האט אויך געבראכט די דאמען א נייעם „האפּטאגראף“ דורך וועלכען יעדער קען אהן פארהעריגע פארבערייטונג שען העפטען אויף מעבעל, קאוויאָרען, פאַרהענגע, טישטיכער, קישענס א.ז.וו. צו ארבעטען איז זעהר אנגענעהם און מען דארף נישט אנשטרענגען די אויגען און עס פערמאטערט נישט. מיט הילף פון „האפּטאגראף“ קאן מען אויסהעפטען אין איין שטונדע מעהר ווי מיט דער האַנד אַ גאַנצען טאָג. אין אויסלאנד איז דער „האפּטאגראף“ אזוי פערברייטעט אז עס איז נישטא קיין איין הויז, וואו ער ווערט נישט בענוצט. ער איז זעהר אַ גוטע פערזוויילונג און בעדערפטיגע ברענגט ער א דער „האפּטאגראף“ וועט מאַכען איין גרויסע ענדערונג אין פרו יעג־האנדארבייט

פרייז מיט פארטא 4,85 רובעל, פער נאכנאהמע 4,95 ר׳. אילוסטרירטע אנווייזונג אומזיסט. אדרעסע:

577 I. Французъ, Варшава, Королевская 49.



## יודישער רעסטאראן ערשטער קלאסע אין פעטערבורג.

כשר ווי אם בעסטען, פריהער פון פ. כץ און איצט איבערגעגאנגען צו נ. מ. גארדין. די געסט וועלען העכסט צופריעדען זיין. דער ווירטה ניעבט זעלבסט אכטונג אויף כשרות. נעהמט אויף בעשטעלונגען אויף מאהלצייטען און חתונות, בעלער אז״וו. מיטאג פון 3 געריכטען אבאנעמענט קאסט 60 קאפ׳. פאַראַטה פון נעפּעס אויף בעלער.

*Уг. Бол. Подъяческой ул. и Екатерингофскаго просп. д. 19-10,*
576 *входъ съ Б. Подъяческой въ С.-Петербургъ.*

---

## ראזירען אהנע מעססער!!!

ענדליך איז ערפונדען א נייער סארט ראזיער פודער וועלכען אלע מיינע געעהרטע קונדען האָבען פערלאנגט · וייס ווי שנעע, שמעקט ווי פארפום זייף, און עס ווירקט גאָר נישט אויף די הויט. אין א פאאר מינוטען קען יעדער מענש זיך זעלבסט ראָזירען אָהנע מעססער. די האָהר פאלען אויס און די הויט בלייבט זייבער ווייס. איינע שאכטעל קאָסט 2,50 פראנק, 2,40 קראָנען, 2 מארק, 2 שילינג, 1 רובל. 3 שאכטעלן 2 רובל, 12 שאכטעלן 5 רובל, 24 שאכטעלן 8 רובל. געלד מוז מען פאָראוים איינשיקען, פער נאכנאהמע ווירד ניכט געשיקט.

**J. B. Sakolsky, Dageraad plaats 30. Antwerpen (Belgien).**

---

487 **האנדעלס שולע מיט פענסיאנאט**

גאילינגען אם רהיין, באָדען.

קאנצעסיאנירט פאָן דעם מיניסטעריום דעם גראסהערצאגטהום באדען אונד אונטער אויפזיכט דערזעלבען. ערציעהונג שטרענג רעליגיעז. — פאָלשטענדיגע האנדעלסבילדונג. אונטעררינט דער דייטשען, פראַנצויזישען, ענגלישען, איטאליענישען אונד רוססישען שפראַכע. פראכטפאללע געזונדע לאגע. בעסטע רעפערענצען.

דירעקטאר א. ראססמאַן.

---

### שפיגעל־פאבריק

### ל. אידעלזאָהן, ווארשא

ביעליאנסקא נו׳ 1

עמפפעהלט זיין גראססעס לאגער פאָן שפּיגעל, שפּיגעלגלאס, טרוימאס אין דעטאיל אונד ענגרא.

466

---

עס האָט ערשיינט אויף יודיש־זשאַרגאָן דער צווייטער יאָהרגאַנג

## דער לאנדארבייטער לוח

## פאר קאלאניסטען און גערטנער.

רעדאקטירט פון ש. פרוג און אגראנאם מ. וועלער.

ביידע יאהרגאנגען ענטהאלטען אלערליי לאנדווירטשאפטליכע אַרטיקלען פאַר יודישע קאלאניסטען, ארענדטארען, גערטנער און אגראדניקעס; אויך פערשידענע נאכריכטען, ערקונדיגען, ערצעהלונגען און לידער פון לעבען דער לאנדארבייטער.

דער פּרייז פון יעדען יאהרגאנג — 50 קאפּ.

מען קריגט זיי צו קויפען:

אין פעטערסבורג — Замятинъ переулокъ д. 4, кв. 9

אין ווילנא — Типографія И. І. Пирожникова

דאָרט קריגט מען אויך צו קויפען ביכליך פון ביבליאטעק פאר יודישע קאָלאניסטען:

1) דער לובין. א מיטיל צו פערבעסערען די פעלדער 5 קאָפּ.
2) „ווי מען פלאנצט א סאד“. 5 קאפּ.

575 די געלד קען מען אבשיקען מיט מאַרקעס.

## פריילינען און דאמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען און נייהען אין א קירצע צייט דורך בריעף אין זשארגאן, רוסיש און דייטש. די מעטאדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יאהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה א מארקע. ניט זוימט און פרעגט אן ביי
Г-жѣ Бертѣ Найдичъ,
507 Варшава.

## הלכה למעשה

אלמר (פערזענליך) את הבוכהאלטונג הכפולה וחשבונות המסחר לכל פרטיהם בשכר מצער. גם נערים בני 15 שנה יוכלו לקנות אצלי ידיעה שלמה בזמן קצר. 556
*Павья 7 кв. 2, Бухфиреръ.*

(כמעוני ימצאוני משעה 3 עד 6 ביום).

יעדער וועלכער וויל בעקומען פרישע שמאקהאפטע היימישע מיטאגען צו מעסיגע פרייזען קען עס בעקומען ביי

**י. ה. פאזשעס, ווארשא**

דזיקא 11, וו. 13 1־טער שטאק.
573




564 פאבריקס־סטעמפעל.

פארערט „גריפ" מיט דעם גלאבום. פערהאלט יעדע פליג וועלכע ריהרט זיך נור צו. 564

צו היטען זיך פון נאכגעמאכטע וואר עס האט נישט אויספרובירט די אמתיע ענגלישע פאפיער, נעהמט די נאכגעמאכטע וועלכע סוחרים פערקויפען מיט א גרעסערען פערדיענסט. רעפרעזענטאנט פאר רוסלאנד סיג. מאמלעק אין ווארשא און אין סאסנאוויץ (פעטראקויער גוב).

## ХИННОЕ МЫЛО

(содержитъ Chininum hydrohloricum 1%).

приготовленнаго Лабораторіей А. Энглундъ.

*Совершенно уничтожаетъ головную перхоть и прекращаетъ выпаденіе волосъ.*
*Цѣна за кусокъ 40 коп., съ перес. 2 куска 1 руб. 10 коп.*
*Завѣдующіе Лабораторіею Докторъ В. К. Панченко и А. К. Энглундъ.*

*Для предупрежденія поддѣлокъ прошу обратить особенное вниманіе на подпись А. Энглундъ красными чернилами и марку С.-Петербургской Косметической Лабораторіи, которыя имѣются на всѣхъ препаратахъ. Получать можно во всѣхъ лучшихъ аптекахъ, аптекарскихъ, косметическихъ и парфюмерныхъ складахъ Россійской Имперіи. Главныя агентства и склады фирмы для Европы: Емиль Беръ, Гамбургъ; для Южной и Сѣверной Америки: Л. Мишнеръ, Нью-Іоркъ. Главный складъ для всей Россіи А. Энглундъ. С.-Петербургъ, Бассейная улица 27.*




בהוצאת בית מסחר הספרים של האחים בלעטניצקי בארעסא
איז ערשיענען פון דרוק א נייע פיעל פערבעסערטע און פערמעהרטע פאלקאמענע אויסגאבע

## קארטא פאלעסטינא פון י. י. לינעצקי

דיזע קארטא ענטהאלט: אלע שטעדט, שטעדטליך, קאלאניען, מיט אלע נייעסטע קאלאניען, טייכען, טייכליך בארץ הקדושה, א. ז. וו. די קארטא איז פראכטפאלל געדרוקט אין 8 שענע פארבען, די גרויס איז: 1 ארשין די לענג, 3/4 ארשין די ברייט. פרייז מיט פארטא 40 קאפ. לסוחרים ראבאט. ווייניגער פון 5 קארטעס ווערען מיט קיין נאכנאהמע ניט געשיקט, ביז 2 רובל קען מען שיקען מיט פאסטמארקען אדרעס: 570
*Въ книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ.*

## איזראעליטישע רעאל אונד האנדעלסשולע נעבסט פענסיאנאט צו פפינגשטאדט ביי דארמשטאדט.

די שילער (פאן 8 ביז 15 יאהרען) ערהאלטען גרינדליכע וויסענשאפטליכע אויסבילדונג אונד רעליגיעזע ערציהונג, בעסטע רעפערענצען ביי הערפארראגענדען מאננערן דעם אין־אונד־אויסלאנדעס, זאוויע ביי פריהערען שילערן. די זיך אין אנגעזעהענען שטעללונגען בעפינדען.

505 נעהערעס דורך דירעקטאר ד"ר בארנאס.

## לאדז

**ד"ר מ. זילבערשטראם**
וואהנט יעצט אין דער ציגעלשטראסע נומ׳ 25 הויז פאן ה׳ יוליוס ראזענטהאל. 580

ווער עס וויל האבען א געזונטען מאגען זאל קומען צו מיר מיטאגעי ווער עס וויל האבען פרישע עסען זאל מיין אדרעסע נישט פערגעסען ל. לעווין נעגשא 18, פארטער. 581

## לבעלי בריתי לזכרון תמיד!!!

אדריסתי היא רק בת ג׳ מלים:
Я. Нейдичъ Варшава.
פראספעקט ישולח חנם לכל דורש

## מעשענע שטעמפעל

און שטאנסען צו זייף און צו אנדערע פאבריקאטען גוט און ביליג, ביי
**А. Мокъ, Варшава**
544 Купеческая 12.
איך שיק אויך פער נאכנאהמע.

סטעמפעל גראוויר התימות און שטאנסען צו זייף און צו אנדערע פאבריקאטען גוט און ביליג פערפערטיגע




ВАРШАВА
Гусья 5. ——
איך שיק אויך פער נאכנאהמע.

## די בוכבינדעריי־פאבריק פון א. קאמען

אונטער דער פירמא „טרוד"

(ווארשא, סאלנא נו׳ 10)

וועלכע עגזיסטירט שוין זייט וויפיעל יאהרען האט זיך יעצט פערגרעסערט און בענייט אין גאנצען מיט גוטע מאשינעריין מיט אלערליי נייע און שענע שריפטען און פראכטפאלע ארנאמענטען (פערציערונגען) — נעמט אן אלערליי בוכבינדער־ארבייטען, הן פיר יחידים הן פיר פערלאגער מחברים און בוכהענדלער געוועהנליכע און פראכטבענדער ווי אויך בראשיר און קאנטארביכער און ליעפערט אלעס גוט שנעל און בעסטער ארדנונג און

== צו ביליגע פרייזען ==

די בוכבינדעריי „טרוד" ארבייט פיר די פערלאגען „אחיאסף" און „תושיה" און פיר פיעלע בעריהמטע פערלעגער און בוכהענדלער.

די בוכבינדעריי „טרוד" נעמט אן ארבייט אויך פון דער פראווינץ און ליעפערט אב פער באהן אויך פער פאסט אויף איהרע רעכנונג. 569

## !! מעבלירטע צימער !!

מוסטערהאפט זויבער און בעקוועם איינגעארדענט, אים פרייזע פון 50, 60, 75, 90, 1.25, 1.50 ביז 2 רו"כ א טאג. באדע־צימער (וואננעס), גאזבעלייכטונג. רעעלע בעהאנדלונג און פינקטליכע בעדיענונג. מיטטאגע פרישע און שמאקהאפטע פון 35 קאפ. אן סאמאווארען א 10 קאפ.
ח. דווארעצקי, סט.־יערסקא נו׳ 34.
Меблированныя омнаты
Х. М. Дворецкаго, Варшава
388 Св. Георгія 34.

## בוכהאנדלונג און ביבלאטהעק „איזראעליט" אין ווילנא

רודניצקער שטר., הייז שפירא.

פון אלע מינים ביכער אין פערשיעדענע שפראכען מעטהאדען און לעהרביכער ספרי דרוש מחקר ומדע, מליצה ושיר חנוך ולמוד אויך ספרי רומעל פון ווילנער און פרעמדע דרוקען און אלע ארטיקלען וועלכע געהערען צו א יודישע בוכהאנדלונג ווי טליתים, ציצית, תפלין, בילדער, וואנטקארטען א. ז. וו. 568

ציוניסטישע פעראינען, מלמדים לעהרער און בוכהענדלער בעקימען א גרויסען ראבאט. די בוכהאנדלונג קויפט אויך אלטע ביכער און בייט אום לויט פערלאנג. צו יעדער בעשטעלונג ווערט געפאדערט האנדגעלד 10% פון ווערטה. אדרעס פון בוכהענדלער
*Соломону Функу Книжный маг. „Израелитъ" Вильна, Рудницкая ул. д. Шапиро.*